ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# ניסים מן השמים
## דער פאבארגענער
## אוצר

אידיש

**725**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו

ספורי

# נסים מן השמים

דאס איז העכסט אינטערעסאנטע געשיכטען, פון פיעל הייליגע צדיקים, וועלכע זענען געוועהן בעוואוסט אויף דער וועלט מיט זייערע וואונדערליכע מופתים וואס זיי האבען בעוויזען. דער אינהאלט פון די מעשות, איז א לויטערער שפיגעל זיך איינ־צוקוקען וואס פאר א שרעקליכע געשעהענישען סיקומען פאר אויף דער וועלט, און די הייליגע צדיקים קענען מיט זייער תפלה די גרעסטע געפאהרען אויסמיידען, און דאס, האבען מיר די רעכט אנצורופען ממש נסים מן השמים.

מיר פערהאפען אז דער ספר וועט דעם לעזער פיעל פער־גענוגען פערשאפען, און פערנעהמען דעם פלאץ פון די בעסטע ראמאנען, פון וועלכע מ׳לערנט זיך ניט אפ קיין גוטע מדות; ווערענד פון דיזען ספר קען מען די בעסטע זיטטען ערווערבען, און וויסען ווי אזוי זיך צופיהרען ביי א זעלכע געלעגענהייטען.

איבערהויפט וועט דער לעזער ענטציקט ווערין פון דער וואונדערבארע און העכסט אינטערעסאנטע געשיכטע:

## „דער פערבארגענער אוצר"

פון דעם גערעטעטען יונגעל, פון שפאנישע אינקוויזיציא

### ר׳ עזריאל לפידות ז״ל

ענטהאלט 25 זייטען, וועלכעס מיר האבען בעקומען דעם כת״י, פון בעוואוסטען ביבליאטעק פון וויניציא.

די איבריגע מעשות און די נעהמען פון די הייליגע צדיקים, זענען אויסגירעכענט אין אינהאלט אויף דער צווייטער זייט.

לובלין

שנת וניסים זו מן השמים לפ״ק

# הרה"צ ר' חיים ן' עטר ז"ל בעל „אור החיים" זי"ע.

## א.

### מציל געווען אגאנצע שטאָדט יודען פון „עלילת-דם".

דער הייליגער צדיק, דער מחבר פון „אור החיים" און נאָך פיעל חיבורים, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תנ"ו לפ"ק אין דער שטאָדט סאלי. און אם ענדע פון יאָהר תקיב איז ער געקומען קיין ירושלים און דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ ראש-ישיבה איבער זעכציג תלמידים כלויז גאונים ומופלגים.

אין דעם זעלבען יאָהר האָט דער טערקישער סולטאַן זיך געהייסען צו שטעלען אַ סטאַטיסטיק פון אלע איינוואוינערים פון זיינע מדינות, כדי ער זאָל וויסען וועלכער מענש ס'איז געבוירען געוואָרען אין דעם זעלבען טאָג וואָס ער, און צי יענעמס מזל איז אויך אַזוי גרויס ס'זאָל איהם געהן אַזוי גוט ווי איהם? נאָך דעם דורכקוקען דעם גאנצען סטאַטיסטיק, האָט דער סולטאַן געפונען אַז דער ר' חיים ן' עטר ז"ל איז געבוירען געוואָרען אין דער זעלבער צייט, אין דעם זעלבען טאָג און דער זעלבער שעה וואָס ער, (דער סולטאַן).

דער סולטאַן האָט זיך פערקליידעט ציווילנע און געפאָהרען קיין ירושלים, וואו דער „אור החיים" האָט דאַמאָלס געוואוינט און איינער אליין זיך נאָך געפרעגט צו דער וואוינונג פון „אור החיים". אריינקומענדיג אין דעם קליינעם פערשמוצטען שטיבעל, האָט ער דערזעהן פאַר זיך די בעוואוסטע סצענע וועלכע מיטרעפט געוועהנליך ביי יעדען אָרימאַן: צוויי אַלטע הילצערינע בעטען נים פאַרבעט, מיט ברידיק בעטגעוואַנט, אַ צובראָכען טישעל וועלכעס איז געשטאַנען אַנגעלעהנט אין דער וואַנד, מיט צוויי טאָבערעטקעס אויף וועלכע מ'האָט זיך געזעצט האָט מען זיך געוואַקעלט ווי אַ שיכור און גרויס געפאַהר נאָר אומצופאַלען, איין קינד איז געלעגען אין בעט און געוויינט, דאָס צווייטע איז געזעסען במחילה אויף דער כלי... ווען דער סולטאַן האָט די טהיר געעפענט, איז איהם ערשטענס געפאַלען גלייך אין קאָפּ אריין, די לאָפּאַטע מיט וועלכע מ'ריקט די חלות און ברויט אין אויווען אַריין, וועלכע איז גראַדע געשטאַנען אונטער דער טהיר. אין אַנפאַנג האָט זיך דער סולטאַן עטוואָס דערשראָקען פון דעם פּלוצלינגען בעגעגעניש ווייל ער האָט געמיינט אַז דאָ האָט איהם עמיצער דערלאַנגט מיט אַשטעקען איבערן קאָפּ, אַנשטאָדט „ברוך הבא", אָבער באלד האָט ער זיך איבערציינגט אַז דאָ איז קיינער ניט שולדיג נאָר זיין אייגען מזל, ווייל דעם „אור החיים'ס" ווייב איז דאַמאָלס זאָגאָר געשטאַנען ביים קוימען און געקאָכט וואַרעמעס: באָרש מיט קאַרטאָפּעל. און דערזעהענדיג אריינקומען אַ רייכען פּריץ, האָט זי מיט שרעק אויפגעהויבען די לאָפּאַטע פון דיר ערד און דערביי זיך פיירענטפערט אַז וויפיעל מאָל זי זאָל ניט בעהאַלטען די לאָפּאַטע אויפ'ן פּיעציק, נעהמען די קינדער זי אַראָב זיך צו שפּיעלען און לאָזען שטעהן

פונקט

פּינקט אונטער דער טהיר וואו מ'ברויכט אריינצוגעהן מ'זאל זיך חלילה דעם קאָפּ צושפּאַלטען; וואָס מ'לייַדט אלץ פון קינדער!..

— ניט קשה — האָט דער סולטאַן געענטפערט מיט א שמייכעל: דער אללאַה (גאָט) האָט מיך מציל געווען. צי דא וואוינט „חייעם עטראַאָוויטש"?

— יאָ, וואָס האָט דער פּריץ געברויכט?

— איך דאַרף מיט איהם זעלבסט עפּעס רעדען, צי קענט איהר איהם ניט רופען?

— מיין מאַן איז יעצט אין בית-המדרש, און רופען קען איך איהם ניט זוייל ער איז זעהר פערדראָסיג אז מען איז איהם מבטל פון לערנען; נאָר זאָל דער פּריץ זיך זעטצען און צו-וואַרטען אקליינע ווייַלע וועט ער באַלד אָנקומען, דען ער קומט אַלע טאָג אין דיזע צייט, עססען וואַרעמעס. און ביי די ווערטער האָט זי איהם צוגעריקט איינע פון די צובראָכענע טאַבורעטקעס צו דער וואַנד כדי ער זאָל ניט אומפאַלען מיט דער שטיהל.

אין אַפיערטיל שעה אַרום איז דער „אור החיים" אָנגעקומען און דערזעהענדיג דעם גאַסט ביי זיך אין שטוב איז ער גלייך צוגעגאַנגען צום פאַס וואַסער, געוואַשען די הענד און געמאַכט א ברכה גאַנץ הויך „ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם". דער סולטאַן האָט איהם געפרעגט, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט? האָט ער איהם געענטפערט: אז ביי אונז יודען לערנט דער זאַקאָן אז מ'זעהט אַ קעניג דאַרף מען מאַכען א ברכה.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט אז איך בין אַ קעניג, ווי קענסט מיך דען?

— ווייל מיט יעדער קעניג געהט מיט זיין שר פון הימעל — האָט דער „אור החיים" ווייטער געענטפערט — דעריבער אז איך האָב דערזעהן אייער שר האָב איך געוואוסט אַז איהר זייט דער קעניג.

דערווייל האָט מען געגרייט צום טיש די בעל-הבית'טע האָט אַניידער-געלייגט אויפ'ן טיש אַראָזאָווע ברויט מיט זאַלץ און קנאָבעל... דער אור החיים האָט דעם סולטאַן געבעטען מיט עססען און דער סולטאַן האָט זיך ניט ענטזאַגט ערקלערענדיג דערביי, וואָס ס'איז איהם זעהר אַנגענעהם צו עססען מיט זיין פריינד צוזאַמען אַ מאָלצייט. דער „אור החיים" האָט זיך געוואַשען צום עססען און זיך אָנגעריבען ברויט מיט קנאָבעל אז ס'האָט פאַרשטעקט די שטוב... נאָכהער האָט מען אַרויפגעגעבען אויפ'ן טיש דעם בסר'יש מיט די קאַרטאָפעל און דער „אור החיים" אַליין האָט אָפּגעטהיילט פון זיין שיסעל דעם סולטאַן, אין א באַזונדערע שיסעל און דער סולטאַן האָט זעהר געשמאַקעוועט פון דעם עססען. נאָכ'ן עססען האָט דער סולטאַן אַרויסגענומען א גאָלדענע מטבע און געהייסען שיקען נאָך ווייַן. דער „אור החיים" האָט איהם ערקלערט אז קיין ווייַן טהאָר ער ניט טרונקען נאָר מעהד. מ'האָט געבראַכט מעהד און געטרונקען לחיים און מ'איז געוואָרען בגלופין. דער „אור החיים" האָט זיך אָנגערופען צום סולטאַן: אייגענטליך וועגען וואָס איז דער קעניג געקומען צו מיר?

דער סולטאַן האָט איהם געענטפערט אז ער האָט דורכגעקוקט דעם

פטאטומטיום

פון אלע זיינע ביינער האט ער געפונען דאס ער (דער „אור החיים״) איז געבוירען געווארען אין איין טאג און איין שעה מיט איהם; האט ער זיך געוואלט איבערצייגען, צי איהם געהט אויך אזוי גוט; און צי זיין מזל שיינט אויך אזוי הויך? דער „אור החיים״ האט איהם געענטפערט: יא — מיר איז גאר גוט; פילייכט נאך בעסער ווי אייך, דען איך האב קיין שום דאגות נישט, און דאס לעבען איז ביי מיר זעהר אנגענעם, ווייל איך בענוגען זיך דערמיט וואס איך האב. פונקט ווי א קעניג מיט זיינע גרעסטע פערגעניגענס; איך שפייז אין דעם ברויט מיט קנאבעל וואס איך עס, דעם זעלבען טעם, וואס א צווייטער אין די בעסטע טאבלים; איך האב קיין שונאים נישט; און אויף מיר האט קיינער קיין קנאה נישט, ווערענד ביי אייך איז וואס אנדערש; די בעסטע און געטרייעסטע דינער זיינען אייך פאלש און אינט־ריגערס; און איהר האט פיעל שונאים; אונטער אייערע אויגען ווערט אפגעטהוען די שענדליכסטע פערברעכען; קוים האט איהר זיך אויף א קליינע ווייל פון אייער פאלאץ ארויסגעריהרט, דא קומט שוין פאר גאנץ מיאוס׳ע מעשים...

נאך דער פארלעזונג וואס דער „אור החיים״ האט געהאלטען פאר׳ן סולטאן, האט דער לעצטער זיך ענדליך אנגערופען: איך וואלט גאנץ געגעריג געווען צו וויסען וואס ס׳טהוט זיך יעצט ביי מיר אין דער היים

— איך קען דאס אייך מאמענטאל ווייזען — האט דער „אור החיים״ געענטפערט — און דערביי צוגעגאנגען צום שענקיל און ארויסגענומען א קליין שפיגעלע און דערלאנג דעם סולטאן ער זאל ארייננקוקען וועט ער אלעס זעהן וואס ער פערלאנגט. דער סולטאן האט געקוקט און דער „אור החיים״ האט איהם געפרעגט וואס ער זעהט?

— איך זעה — האט דער סולטאן געענטפערט — די גאנצע שטאדט „קאנסטאנטינאפאל״

דער „אור החיים״ האט געגעבען א האַרך אויפ׳ן שפיגעלע און ס׳איז געווארען פערלאפען. נאכהער האט ער מיט זיין פערטשיילע איבערגעווישט דעם שפיגעל און האט איהם געהייסען ווייטער קוקען. ער קוקט ווייטער און זאגט אז ער זעהט זיין הארם און די וואכען וועלכע שטעהן און היטען דעם הארם אז קיין זייטיגער מענש זאל נישט ארייננגעהן. דער „אור החיים״ האט ווייטער געמאכט די זעלבע קונץ און איבערגעווישט מיט זיין פערטשיילע און געהייסען דעם סולטאן ער זאל ווייטער קוקען. פלוצלינג איז דער סולטאן געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט און קיין ווארט נישט געקענט ארויסריידען, ענדליך האט ער זיך געגעבען א הויב אויף פון דער שטיהל און פון גרויס אויפרעגונג איז ער אקארטש פון דער הויט ארויס...

— וואס איז מיט אייך גנעדיגער קעניג? — האט דער „אור החיים״ קאלטבלוטיג געפרעגט — וואס זעהט איהר דארט?

— מיין בעסטער פריינד איך קען מיר יעצט קיין שום עצה נישט געבען...
איך זעה ווי מיין גרעסטער מיניסטער איז ביי מיר אין שלאף-צימער

[illegible] .. און מײַן האַרץ זאָגט מיר אַז דער רעזולטאַט דערפֿון וועט פֿאַר מיר זעהר ניט אַנגענעם זײַן...

דער „אור החיים״ האָט איהם געפֿרעגט צי ער האָט בײַ זיך עפּעס אַ כלי... איך האָב אַ רעוואָלווער — האָט דער סולטאַן געענטפֿערט.

— נו, טאָ זאָלט איהר אָפּציליִווען גוט; איהר זאָלט ניט טרעפֿען דער קעניגען, ווײַל דער שאָס וועט זײַן אַ ריכטיגער, אָבוואָהל איהר וועט שיסען אין שפּיגעל אַרײַן, דאָך זאָלט איהר זײַן גוט פֿאָרזיכטיג — האָט דער „אור החיים״ איהם ערקלערט.

דער סולטאַן האָט גענומען דאָס שפּיגעלע און אַוועקגעשטעלט עס אויפֿ'ן טיש, וועלכער איז געשטאַנען בײַם פֿענסטער, פֿאַר אַ ציעל, אַרײַנגעקוקט אין שפּיגעלע, גוט אָפּגעציליִוועט און אויסגעשאָסען. דאָס שפּיגעלע איז געשפּאָלטען געוואָרען, אָבער צו זײַן בעוואונדערונג האָט ער מאָמענטאַל דערזעהן דורך די צו־בראָכענע, איבערגעבליבענע שטיקלעך — ווי דער מיניסטער איז געפֿאַלען טויטט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יעצט — האָט זיך דער „אור החיים״ געווענדעט צום סולטאַן — קענט איהר אַ הײַם פֿאָהרען און זיך גאָרניט וויסענדיג מאַכען פֿון דער גאַנצער מעשה, וואָס דאָרט איז געשעהן, ווײַל דאָרט וועט יעצט אויסגעקלערט ווערען אַ בלבול אויף יודען ד. ה. אַז יודען האָבען ערמאָרדעט דעם מיניסטער אַלזאָ זאָל דער קע־ניג ניט מאַכען קײַן משפּט ביז איך וועל דאָרט זײַן אין אמאָנהײַט ארום, אין דעם טאָג זאָל דער קעניג מאַכען אַ גרויסען באַל און אײַנלאַדען אויף דעם באַל אַלע מיניסטאָרען, פּרינצען, שררים, און גרויסע לײַט, און דאַן, אויף דעם באַל וועל איך אויך אָנקומען, און די אינטריגע, גענוי אויספֿאָרשטען און ברענגען אַלעם אין בעסטען אָרדנונג.

דער סולטאַן האָט זיך געזעגענט און צוגעזאָגט אַלעס פּינקטליך צו ערפֿולען.

דאָרט, אין סולטאַנ׳ס האַרם ווען דער מיניסטער איז פּלוצלינג טויטט געפֿאַלען איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל און מ׳האָט ניט געוואוסט וואָס צוטהוען מיט איהם; אַרויסנעהמען איהם פֿון האַרם, האָט מען ניט געקענט, ווײַל מ׳וועט דאָך פֿרעגען ווער ס׳האָט איהם דערשאָסען? איז געבליבען, מיט דער הסכמה פֿון דער קעניגען, אַז מ׳זאָל איהם דערווײַל אַראָפּלײַגען אין קעהלער פֿון ווײַן. נאָכהער וועט מען קלערען אַן עצה וואָס מ׳האָט צו טהוען... אומר ועושה, ניט לאַנג קלערענדיג האָט מען זיך גענומען צום שטיקעל אַרבײַט. אַרײַנגעלײגט איהם אין אַ זאַק און אַראָפּגעטראָגען אין קעהלער, בעהאַלטען איהם צווישען די גרויסע פֿעסער מיט ווײַן וועלכע ווענען דאָרט געשטאַנען.

אָפּגעפֿאַרטיגט זיך מיט׳ן שטיקעל אַרבײַט, האָט מען מאָמענטאַל צונויפֿ־גערופֿען אַ אײַן ספּעציעלע בעראַטונג, צו בעטראַכטען די לאַגע זעלבסטפֿערשטענד־ליך אַז מ׳האָט ניט געפֿונען קײַן בעסער׳ן מיטעל, ווי אַרויפֿצווואַרפֿען די שולד אויף יודען, אַז יודען האָבען געפֿאַנגען דעם מיניסטער און איהם ערמאָרדעט און

אַריינגעוואָרפֿן

אריינגעווארפען אין ים אריין. דער פלאן איז אנגענומען געווארען און מ'האט תיכף ארעסטירט פיעל יודען. אלע גרעסטע און חשובע לייט און דעם ראבינער אויך. און ווען דער סולטאן איז א היים געקומען איז שוין געווען צוזאמענגע-שטעלט א בעשולדונגס אקט פון 10 בויגען פאפיער און מ'האט דאס אונטערגע-ריקט דעם סולטאן צו חתמה'נען דעם אורטייל; אז די אלע בעשולדיגטע קומט צו הענגען. דער אינהאלט פון בעשולדונגס אקט, בקיצור, איז בעשטאנען אין פאלגענדעס:

היות, נאך א גענויע אויספארשונג, איז דאך געלונגען צו ענטדעקען די אמת'ע מערדער פון פערשוואונדענעם מיניסטער, דאס זענען די יודען וועלכע זיצען שוין אין תפיסה, האבען געפאנגען דעם אומגליקליכען מיניסטער, בעת ער איז געפאהרען אויף שפאציער, און האבען איהם ערמארדעט, מיט דעם צוועק צו בענוצען זיך מיט זיין בלוט צוליעב זייערע רעליגיעזע צוועקען. און עדות איז געווען אנ'ערך פון הונדערט: דער האט געזעהן ווי מ'האט איהם ערמארדעט; דער צווייטער, ווי מ'האט איהם געצאפט דאס בלוט; דער דריטער, ווי מ'האט געטראגען צום ראבינער עטליכע פלעשלעך מיט בלוט, צו בעטיילען אלע יודען צו די מצות; מאנכע האבען געזעהן ווי מ'האט איהם געטראגען אין א זאק און אריינגעווארפען אין ים אריין. פיעל גלחים און געלעהרטע האבען צוגעגעבען זייער מיינונג, אז די יודען מוזען אלע יאהר צוגרייטען אויף פסח, אקריסטליך אדער א מאהמעדאנער קרבן, נאר אמאל פאנגען זיי א קינד, און דאס יאהר איז זיי געלונגען צו פאנגען דעם אונגליקליכען מיניסטער אויף וועלכען זיי האבען שוין פון לאנג געטראגען א האסט אין הארץ, און וואס חשוב'ער דער קרבן, גרעסער איז די מצוה ביי זיי און אז. וו.

דער סולטאן, נאכדעם ווי ער האט דורכגעלעזען דעם גאנצען בעשול-דונגס-אקט, האט געענטפערט דאס ער וועט ניט חתמה'נען דעם אורטייל. ביז וואנען ס'וועט קומען זיין בעסטער פריינד אין א חודש ארום, און ער וועט מאכען נאכאמאל איין אויספארשונג. דערווייל זיצען זיי דאך אין תפיסה, זאל מען זיי נאר גוט היטען וועלען זיי ניט אנטלויפען; מיט דעם פסק האבען מיר זיך ניט וואס צו איילען...

אין א חודש ארום, פונקט צו דעם טאג וואס דער „אור החיים" האט פערשפראכען צו קומען — האט דער סולטאן געהייסען מאכען א גרויסען באל און איינלאדען, אלע מיניסטארען, גלחים, שררים. אלע עדות פון ערמארדעטען מי-ניסטער און ז. וו.

אלע געסט האבען זיך שוין געהאט פערזאמעלט אין דעם גרויסען זאל פון סולטאנ'ס הארם און מ'האט געווארט אויפ'ן סולטאן. וועלכער האט געברויכט אנקומען.

פלוצלינג האט זיך די טהיר געעפענט און אין זאל האט זיך בעוויזען א יודעל אין א לאנגע קאפאטע, א הויכען היט, א פערשמוצטען דאשעק, א שווארצע, ניט אויסגעקעמטע בארד, צוויי לאנגע פיאות און א קליין זעקעל אויף די

פליצים. אלע פערזאמעלטע זענען געבליבען זיצען ערשטוינט; ניט וויסענדיג פון וואנען דאס יודעל האט זיך דא דערנומען; ווער ס׳האט איהם אריינגעלאזען, און וואס טהוט ער דא?

דער „אור החיים״ האט אבער גאנץ דרייסט געפרעגט: ציי דער סולטאן איז ניט דא?

— ניין! — האט ער דערהערט א הויכע און גראבע שטימע פון דעם שווייצער וועלכער איז געשטאנען ביי דער טהיר און גרייט געווען אויף דעם מינדעסטען בעפעהל. אין איהם אריינצושטעכען די בלויזע שווערד וועלכע ער האט געהאלטען אין דער האנד.

— טא געהט און מעלדעט איהם, אז זיין פריינד איז געקומען און ווארט אויף איהם.

דערהערענדיג די לעצטע ווערטער, האט מען שוין מורא געהאט איהם צו בעליידיגען, און מ׳האט מאמענטאל בעמעלדען דעם סולטאן: אז ס׳איז געקומען א יודעל אנ׳ארימאן ווייזט אויס, ס׳ווייסט ניט ווי א נאך ער איז אריין אין הארם, און ער האט געהייסען מעלדען דעם קעניג, אז ער, איער פריינד, איז געקומען און ווארט אויף אייך.

דערהערענדיג די נאכריכט, האט דער סולטאן זיך אהויב אויף געהויבען פון זיין שטיהל און מיט גרויס פרייד אויסגעשריען: „ער איז דא! — גוט אויף איהם ווארט איך טאקי!״ און גלייך זיך געלאזט געהן צום זאל, וואו דער „אור החיים״ און די איבריגע פערזאמעלטע האבען שוין אונגעדולט געווארט אויף איהם. אריינקומענדיג, האט מען איהם געמאכט דעם גיהעריגען פאראד און דער „אור החיים״ האט געוואלט פאלען צו די פיס; נאר דער סולטאן האט איהם תיכף נעהייסען אויפשטעהן און א ווייליע געדריקט איהם די האנד און געקושט זיך מיט איהם, נאכהער האט ער איהם אנגענומען אונטער׳ן ארעם און צוגעפיהרט גלייך צום טיש און געהייסען איהם זעטצען נעבען זיך. נאכהער האט זיך דער סולטאן געגריסט צום איבריגען פובליקום און זיך א וועקגעזעצט ביים טיש

ס׳איז איבריג צובעשרייבען וואס פאר אנ׳איינדריק די סצענע האט געמאכט ביים פובליקום; ווי פערשטיינערט זיי זענען געבליבען זיצען, און האבען ניט געוואוסט וואס דא קומט פאר? — מ׳האט אבער געמוזט שווייגען... און אלע האבען, מיט גרויס נייגעריגקייט, זיך צוגעקוקט וואס ווייטער וועט זיין.

ווען מ׳האט אנגעהויבען צוגעבען עסען צום טיש, האט דער „אור החיים״ ארויסגענומען פון זיין זעקעלע, ראזאוואנע ברויט, ציבעלעס און קנאבעל, און געבעטען ביי׳ם סולטאן, ענטשולדיגונג, וואס ער האט זיך מיט געבראכט זיין עסען, ווייל לויט דעם יודישען זאקאן איז איהם ניט ערלויבט צו עסען קיין פרעמדע עסענים. אויך האט ער געבעטען מ׳זאל איהם געבען וואסער צו וואשען די הענד, לויט די פאדערונג פון יודישען זאקאן. דער סולטאן האט באלד בע-פוילען מ׳זאל אריינברענגען וואסער. מאמענטאל האט א דיענער אריינגעבראכט א זילבערינע שיסעל און א גאלדענעם קריג מיט וואסער. דער „אור החיים״ האט

זיך געוואשען און גאנץ הויך געמאכט די ברכה, נאכהער "המוציא" איבער'ן ברייטעל, אנגעריבען מיט קנאבעל. איינגעטונקט אין זאלץ און צוגעביסען א שטיקעל ציבעלע. דער סולטאן האט אויך גענומען א שטיקעל פון זיין ברויט און געגעסען און דער גרוך פון קנאבעל און ציבעלים האט זיך געשפירט איבער'ן גאנצען זאל...

איינער פון די געסט, וועלכער איז געזעסען ביים טיש, אגרויסער אנטי־סעמיט, האט שוין מעהר ניט געקאנט אויסהאלטען צוקוקענדיג די סצענע, און ענדליך ארויס פון די כלים...

— "נעמט איהם ארויס, דעם פערשמוצטען יוד! — האט ער זיך אנגע־רופען צו די איבריגע געסט וועלכע זענען געזעסען נעבען איהם — ער פער־שטינקט דאך דעם גאנצען זאל מיט'ן קנאבעל און ציבעלים!"

אבער יעדער האט געציטערט א מויל צו עפענען און קיינער האט ניט געזאגט א ווארט צו רעדען. דער "אור החיים" האט אבער באלד בעמערקט יענעמ'ס רייד, און האט מאמענטאל בעמאלדען דעם סולטאן. או יענער, אויף וועלכען ער האט מיט'ן פינגער אנגעוויזען, האט יעצט געגנב'עט א גאלדען זאלץ־מעסטיל פון טיש ארויב צו זיך אין קעשענע ארייין. דער סולטאן האט איהם באלד געהייסען אפעהר נעהמען פון טיש און איבערזוכען. צום בעוואונדע־רונג, האט מען ביי איהם ריכטיג געפונען דאס זאלץ־מעסטיל, וועהרענד ער האט ניט געוואוסט פון וואנען ס'איז צו איהם געקומען אין קעשענע ארייין, דען ער האט באמת ניט געגנב'עט, און איז זאגאר געווען א גאנץ רייכער מאן, און דער־צו א מאהמעדאנישער גייסטליכער. ער האט באלד גענומען וועג, א היים, און פון גרויס קרענקונג, האט ער זיך באלד אויפגעהאנגען ביי זיך אין דער היים

נאכ'ן עסען ווען מ'האט אנגעהויבען געבען וויין צום טיש, האט דער "אור החיים" פארגעלעגט דעם סולטאן, אז ער וואלט אויך געטרונקען וויין; נאר מיט'ן בעדונג, אז דער סולטאן זאל מיט איהם אליין אראבגעהן אין קעהלער ארייין און ער וועט זיך אליין נעהמען פון א פער'חתמה'עט פאס וויין אין א קריג אריין, דאן וועט ער מעגען טרונקען. דער סולטאן האט איהם געענטפערט: "איהר זייט מיין בעסטער פריינד און איך וועל אייך קיין שום זאך ניט ענטזאגען פון צו ערפולען, מעג זיין דער פערלאנג ביז א האלבע מלוכה". און מאמענטאל האט איהם דער סולטאן גענומען אונטער'ן ארעם און מ'האט איהם געגעבען א גאלדענעם קריג אין דער האנד און מ'איז געגאנגען. גלייכצייטיג זענען אויך מיט געגאנגען. אלעס בעגלייטער, עטליכע מיניסטארען, איינינגע פרינצען, אזוי חשוב'ע לייט און דריי בעדינערס מיט שטאלקאצען אין די הענד צו בעלייכטען דעם וועג.

אראבקומענדיג אין קעהלער, האט דער "אור החיים" געזאגט, אז דא שפירט זיך עפעס א ריח פון א טוידטען קערפער. מ'האט באלד גענומען זוכען און ענדליך האט מען ענטדעקט דעם טוידטען קערפער פון געשאסענעם מיניסטער וועלכער איז געלעגען איינגעוויקעלט אין א זאק, צווישען די פעסער מיט וויין.

מ׳האט איהם ארויפגעטראָגען און ארויסגענומען פון זאק און מ׳האט דערקענט דעם מיניסטער. דאן האט זיך אָנגעהויבען א נייע אויספאָרשונג. דער „אור החיים״ האט געשטעלט די עדות פאָלגענדע פראגען:

1) אזוי ווי איהר האט זיך אונטערגעשריבען אויפ׳ן בעשולדונגס-אקט אז איהר אליין האט געזעהן, ווי די יודען האבען איהם ערמאָרדעט און געוואָרפען אין ים אריין, ווי זשע קומט ער אין סולטאנ׳ס קעהלער אריין? — קיין יודען איז דאָך ניט ערלויבט אריינצוקומען אין הארם; און די וואַכען היטען גאנץ גוט בייטאָג און ביינאכט; טאָ ווי אזוי קענט איהר בעשולדיגען די יודען? — קומט דאָך אוים אז איהר אליין האט איהם ערמארדעט.

2) ווי אזוי האט איהר זיך אונטערגעשריבען אז איהר אליין האט געזעהן אז די יודען האבען געשטאָכען דעם מיניסטער; געצאפט פון איהם בלוט און געטראגען אין פלעשער צום ראבינער; ווערענד די עקספערטיזע וויזט אונז אז ער איז גאר געשאסען אויף איין אָרט, און מעהר געפינט זיך ניט קיין וואונדען און קיין שום צייכען פון קיין בלוט צאפען?

3) (ווענדענדיג זיך צו די מיניסטאָרען) ווי אזוי האט איהר זיך ערלויבט צוזאַמענצושטעלען א בעשולדונגס-אקט אויף יודען, אהן סולטאנ׳ס וויסען, ווערענד דער מארד איז געשעהן דא ביי׳ם קעניג אין שלאף צימער... און איהר אלע האט געוואוסט דערפון; אפילו די קעניגען זעלבסט אויך?..

די עדות מיט די מיניסטארען זענען געבליבען אין א פערצווייפעלטע לאגע, זעהענדיג אז זיי זענען אין פעקיל און ס׳איז ניט דא קיין שום מיטעל ווי אזוי זיך ארויסצודרעהן — זענען זיי אין גאנצען שטיל געבליבען און גארניט געענטפערט...

דאן איז די קעניגען געקומען זיי צו הילף... און דערצעהלט ווי אזוי די זאך איז פארגעקומען: אז מ׳ווייסט ניט ווער ס׳האט איהם געשאסען, [illegible] ... און ער פלוצלינג טוידט געפאלען פון אנ׳אונבעוואוסטען שאס, און אזוי ווי זי האט ניט געוואוסט וואס צוטהוען מיט איהם, האט זי אליין געהייסען איהם לעגען אין קעהלער אריין, ביז דער סולטאן וועט אהיים קומען. דערווייל האבען די איבריגע מיניס-טארען פערפארטיגט אפלאן צומאכען א בלוט בלבול אויף יודען, אז יודען האבען איהם ערמארדעט. דאן האבען זיך שוין די עדות אויך מודה געווען, אז זיי ווייסען פון גארניט, נאר זיי זענען אזוי אגיטירט געווארען...

דער סולטאן האט ווייטער דערצעהלט פאר׳ן גאנצען פובליקום אז ער אליין האט דעם מיניסטער געשאסען, און ווי אזוי דאס איז פארגעקומען. און האט איבערגעגעבען דעם „אור החיים״ אז ער זאל מאכען דעם משפט.

דער אור החיים האט ארויסגעזאגט דעם פסק: „אז די אלע עדות מיט די עקספערטען וועלכע זענען געווען אונטערגעשריבען אין בעשולדונגס-אקט זאל מען הענגען און די מיניסטארען וועלכע האבען אגיטירט דערצו זאלען געהן אין דימיסיע, און די יודען וועלכע זענען געווען ביז יעצט ארעסטירט זאל מען

דער עבודה... וויטער אין י״ג עטליכע יאהר פון זיין גלות אפגעבראכען און די תעניתים מיט די סגופים אין קעהלער, האט ער שוין פון לאנג אויסגעארבייט א וועג אין גן־עדן אריין.

דער בעש״ט ז״ל האט זיך אנגערופען צו זיינע תלמידים: „זעהט ווי אונזערע הייליגע חכמים האבען געזאגט אין סוף מסכת הוריות, אז „ממזר ת״ח קודם לכהן גדול עם הארץ שנאמר יקרה היא מפנינים, יקרה היא מכה״ג שנכנס לפני ולפנים כו׳.״ — דא האט איהר א ריכטיגען שפיגעל זיך איינצוקוקען, אז אלעס וואס אונזערע הייליגע חכמים האבען געזאגט איז ריכטיג ווי דער טאג. דען ווי ווייט דער ממזר איז געווען בשוקע אין דער טומאה ר״ל, ז. ס׳איז איהם צו־האנד געקומען, ער זאל תשובה האבען מיט זיין איינענע מוטער; ווי די גמרא זאגט: „הבא לטהר מסייען אותו, והבא לטמא פותחין לו״, דאס האט איהם שוין די סטרא אחרא ר״ל צום האנד געבראכט; אבער די הייליגע תורה וואס ער האט געלערנט, האט איהם געראטעוועט פון אלע נויטען, און ער האט מיט זיין פארגע־צידקות געראטעוועט זיינע עלטערן פון שרעקליכען גיהנם וואס איז זיי צוגעגרייט געווען. השי״ת זאל אונז העלפען אז מיר זאלען מאכען א ריכטיגען תיקון אויף אונזערע חטאים, און מיר זאלען זוכה זיין צו האבען קינדער, צדיקים, כשרים, והלמידי חכמים, אכי״ר.

# רבינו אברהם ן׳ עזרא ז״ע.

## ג.

## דער פאלשער „אליהו הנביא״.

אין „אבן עזראס״ צייטען האט זיך פארלאפען די שרעקליכע מעשה: אין א קליין שטעדטעל ק. האט געוואוינט אן׳ארימער וואסער־טרעגער וועלכען מ׳האט גערופען „הירש׳לע־גזלן״. דער ארימער וואסער־טרעגער איז געווען א מטופל פון א ווייב מיט קינדער און איז כמעט אויסגעגאנגען פון הונגער און נויט, ווייל ער האט מעהר ניט געהאט ווי עטליכע רייכע בעלי־בתים וועלכע ער פלעגט צו טראגען וואסער וויפיעל זייער געברויך איז געווען, און וויטער די רעשט איינוואוינערס פון שטעדטעל, פלעגען זיך כמעט אלע, אליין טראגען וואסער. פון די עטליכע בעלי־בתים, וועלכע „הירש׳על־גזלן״ פלעגט צוטראגען וואסער, האט ער געהאט פון 4 ביז 5 גילדען א חודש, וועלכעס דאס האט ניט געקענט בענוגענען זיין געברויך אפילו אויף טריקען ברויט, פאר זיך און ווייב און קינדער. איהם פלעגט מען מאנכעס מאהל פאר רחמנות, געבען א שטיקעל אלט־ברויט, די אדער א לעפיל געקעכטץ, און דערביי צומאכען פון איהם כל־הליצנות, די זייטען און איהם ניט געלאזט אפילו אלע

דעם לעפעל עססען בעקומען, יעדער בעזונדער פלעגט זיך ביי איהם וויצלען און די ווייב און קינדער פלעגען גאר געשוואלען ווערען פון הונגער און קעלט. זיי זענען שטענדיג געגאנגען בארוויס און נאקיט, קרוע ובלוע. מיט איינוואָרט ער איז געווען געפלאָגט פון אלע זייטען; פון דערהיים און פון פרעמדע מענטשען,

ויהי היום, האט זיך „הירש'עלע-גאפ" מיישב געווען צוגעהן וואו זיינע אויגן וועלען איהם פיהרען, זוכען עפעס וואס ער זאל קענען זיין פער'חלשת הארץ ראטעווען. ער איז פערקראכען ערגיץ אין א טיעפען וואלד און האט אנגעהויבען בלאנדזשען. ביז ער איז מיעד געווארען געהענדיג. ער האט שוין כמעט צוויי טעג ניט געגעסען. דאן האט ער דערזעהן פון דערווייטענס א הויכען בארג. מיט די לעצטע קרעפטען האט ער ארויפגעקלעטערט אויף דעם בארג און זיך א וועקגעזעצט אברוהען. זיצענדיג אויף דעם בארג האט ער שטארק גע-וויינט אויף זיין ביטער מזל, וועלכעס ער איז אזא זינדיגע נשמה אויף דער וועלט. פלוצלינג האט ער דערזעהן אנ'אלטען מאן מיט א הדרת־פנים, געהן און וואס אמאל דערנענטער צו איהם. דער אלטער איז צו איהם צוגעקומען און געזאגט: „וואס וויינסטו מיין קינד איך האב געהערט דיין געבעט און בין געקו-מען דיך ראטעווען פון דיין נויט. „הירש'עלע-גאפ" האט איהם געפרעגט ווער זענט איהר, וואס איהר קענט מיר העלפען?

„איך בין אליהו הנביא!" — האט דער אלטער געענטפערט מיט א פרעה-ליך פנים — און בין געשיקט געווארען דיר צו העלפען, נאר זאג מיר דיין פער-לאנג? הירש'עלע-גאפ האט אנגעהויבען נאך מעהר צו וויינען און געזאגט: איך וויין אויף מיין ביטער מזל וואס איך בין געבוירען געווארען אויף דער וועלט דען איך האב שוין צוויי טעג קיין שטיקעל טרוקען ברויט אין מיין מויל ניט גע-האט, מיין ווייב און קינדער ווערען געשוואלען פאר הונגער און קעלט; ס'איז אפאל אז איך זאל מיר דאס לעבען נעהמען.

איך קען דיר אין דעם העלפען, האט דער אלטער זיך אנגערופען, — נאר בתנאי, אז דו זאלסט דיינס א קינד מקריב זיין פאר א קרבן אויף דעם בארג. נאכהער, האט דער אלטער צו איהם ווייטער גערעדט — וועל איך דיך באגלי-קען מיט א גרויס פערמעגען, צייט דו וועסט לעבען...

דער ארימער וואסער-טרעגער איז פון איהם אוועקגעגאנגען, און אויפ'ן וועג האט ער געקלעהרט וואס ער זאל ווייטער טהוען, זיין הארץ האט איהם געצויגען צו דעם צוגעזאגטען עשירות און דאך, האט ער מורא געהאט טאמער נארט איהם דער אלטער. [חאטש ס'איז איהם נישט איינגעפאלען אז דער אלטער איז ניט מעהר ווי א פערשטעלטער שד, וועלכער איז געקומען איהם פרובען אראבפיהרען פון ריכטיגען וועג, ער זאל דינען צו דער עבודה־זרה וועלכעס די הייליגע תורה האט דאס שטרענג פערבאטען — דאך האט איהם דאס הארץ אין אנהויב עפעס נביאות געזאגט אויף שלעכטס...] נויט ברעכט אייזען — זאגט די וועלט. ער האט בעשלאסען אז אזוי ווי ער וועט א היים קומען וועט ער איינס

פֿון זײַנע קינדער מקריב זײַן אויף דעם אַנגעװיזענעם באַרג, אַז מאָמער האָט איהם דער אַלטער געגאַרט איז אויך ניט קיין אַיטגליק, װעט פֿאַר דעם אונשול-דיגען קינד, װאָס פֿלעגט שטענדיג הונגערין, בעסער זײַן. ער האָט נאָר גע-קלעהרט א ג׳רויץ פֿאַר זײַן װײַב װי אַזוי ער זאָל קענען דאָס קינד פֿון שטוב אַרויס-נאַרען. ענדליך האָט ער דערקלעהרט אַ גוטען תירוץ און אײַנמאָל, האָט ער צו זײַן װײַב אַזוי געזאָגט: װײַסען זאָלסטו אַז אונזער גאַנץ אָרימקײַט איז נאָר דאַדורך װאָס אונזער קינד, שלומ׳קע לערנט ניט אין חדר און דאַריבער, װיל איך איהם אַ װעקפֿיהרען אין אַ גרויסע ישיבה, און דאָס װעט בעסער זײַן װי אַלסדינג. אַז אין שטוב װעט װערען מיט אַ מויל װיניציגער אַז דאָס קינד װעט קענען לערנען... דער מוטער איז די קלוגע עצה שטאַרק געפֿעלען און זי האָט איהם געגעבען דאָס קינד אַז ער זאָל עס פֿיהרען אין אַ גרויסע שטאָדט, לערנען אין אַ ישיבה.

„הירש׳על־גאַפּ" איז מיט דעם קינד אװעקגעגאַנגען אין דעם זעלבען װאַלד װאו ער איז מיט עטליכע טעג צוריק, בעגעגענט געװאָרען פֿון דעם אַלטען מאַן. ער האָט איהם דאָרטען געטראָפֿען און בײַדע האָבען זיך שטאַרק געפֿרײַד. װען דאָס קינד איז אַנטשלאָפֿען געװאָרען, האָט דער פֿאָטער שטאַרק זיך צו-קישט מיט דעם קינד און עס איבערגעגעבען צו דעם אַלטען אין די הענד אַרײַן אַז ער זאָל עס מקריב זײַן אויף דעם אַנגעװיזענעם באַרג. ער אַלײַן האָט דאָס ניט געװאָלט טהוען און ניט צוגעמאַלט דאָס צוקוקען. אַז „הירש׳על-גאַפּ" איז געקומען אויף דעם רעיון, װאָס ער טהוט דאָ, און פֿאַרװאָס ערװעקט זיך גישט אין איהם דאָס געפֿיהל פֿון „כרחם אב על בנים" איז שוין געװען צו שפּעט און ער האָט שוין געפֿונען אַ שטיק פֿערברענטע קויל, פֿון זײַן ליעב קינד.

מיט װײַנענדע אויגען איז ער צוגעגאַנגען צום אַלטען בעהטען זײַן עשירות װאָס ער האָט איהם צוגעזאָגט. דער אַלטער האָט איהם איבערגעגעבען צװײַ זעקלעך גאָלדענע רענדלעך, און „הירש׳על-גאַפּ" איז מיט גרויס פֿרייד פֿון איהם אװעקגעגאַנגען, גלײַך צו זיך אַ היים. זײַן װײַב איז געװאָרען איבער-גליקליך פֿון דעם גוטען אײַנפֿאַל פֿון איהר מאַן, און זי איז געװאָרען אַנאַנדער מענטש גאַרניט צו דערקענען. באַלד האָט מען זיך און די קינדער שעהן אויס-געקלײדעט, און געקויפֿט שעהן װערטשאַפֿט, געמאַכט אַ קראָם פֿון פֿערשידענע פּראָדוקטען און עסענװאַרג, אװעקגעװאָרפֿען די קאַנען מיט די אַשעס מיט װעלכע ער פֿלעגט װאַסער טראָגען, געװאָרען סוחרים, געעסען, געטרונקען און געלעבט אַ טאָג, ס׳איז גאַרניט געװען צו דערקענען, הירש׳לע-גאַפּ צי ער איז דער אײגע-נער, דען ער איז אין שטעדטעל געװאָרען אַ שעהנער בעל-הבית. און אַז מ׳פֿלעגט איהם רופֿען ער זאָל װאַסער טראָגען, פֿלעגט ער זיך גוט אויסלאַכען; „װער דיר װאַסער טראָגען, זאָלען זײַ בײַ מיר טראָגען װאַסער, זײַ זענען קראַנק דערצו?

דאָס גאַנצע שטעדטעל האָבען זיך שטאַרק געװאונדערט, פֿון װאַנען צו זײַ איז פּלוצלינג געקומען אַזאַ עשירות? זײַ האָבען געפּרובט פֿרעגען הירש׳על-

נאָך, נאר ער האט זיי גארניט געוואלט זאגן. זיי האבן זיך מיישב געווען אז ס'איז גלייכער צופרעגן ביי זיין ווייב. זיי האבן איהר פערבעהטען צו זיי און איהר אנגעהויבען אויספרעגן. זי האט זיי דערצעהלט דאס אלעס וואס איהר מאן האט איהר געזאגט, אז אין זכות וואס זייער זוהן לערנט אין דער ישיבה, איז צו זיי געקומען דאס עשירות. זיי האבן אדער פערשטאנען אז דא האט געמוזט עפעס אנדע'ש געשעהן, דען צוליעב וואס האט ער געברויכט שיקען דאס קינד לערנען אין א פרעמדע שטאדט, ווערענד ביי זיי אין שטעדטעל לערנט דער רב מיט די ארימע ... דער אומזיסט, און זיי האבן איהר דערויף אויפמערקזאם געמאכט.

איהר ... רי רעד גוט אין קאפ אריין און זי האט בעשלאסען, גענוי אויסצופרעגען איהר מאן פארוואס ער האט זייער קינד א וועקגעפיהרט אין א פרעמד ארט ... ען? עס איז איהר נישט אזוי גרינג אנגעקומען דאס אלעס פון איהם געוואויר צו ווערען, און זעהענדיג אז ער יענקעט זיך מיט זיין פערפלאנטערטע צינג, האט זי געפאדערט פון איהם ענערגיש, אז ער זאל צוריק ברענגען דאס קינד א היים, אום זי זאל זיך קענען פרייען דערמיט. ער האט אנגעהויבען איהר צוגענארען און זאגען, אז ער האט מורא דאס קינד פון דער ישיבה ארויסצונעהמען, ווייל טאמער וועט ער זיך ריהרען דאס מזל, נאר זעהענדיג אז זי ביישטעהט, אין ערגסטען פאל, אליין אהין צופאהרען אין דער ישיבה אריין און זיך דערמיט זעהן, האט ער זיך געמאכט הארץ און האט איהר אלע סודות פון דעם אלטען דערצעהלט.

דוכט זיך אז דער מאמעס הארץ האט דערפון געברויכט צושפאלטען ווערען, ווארום א פרעמדער וואלט הערענדיג אזא מערדעריי געגאסען מיט טרעה-רען, נאר דאך האט דער לעזער וואס מיינט אזוי א טעוה, דער כח הטומאה האט איהר אזוי שטארק מאגנאזירט אז זי האט גאנץ גלייכגילטיג אויסגעהערט איהר מאנס רעד און גארניט דערפון זיך גענומען צום הארצען. אין עטליכע טעג ארום האט זי ביי א געלעגענהייט, איהר'ס א שכנ'טע איבערגעגעבען דעם גאנצען סוד, ווי אזוי איהר מאן איז פלוצלינג רייך געווארען, און יענע האט בעשלאסען אויך דאס זעלבע צוטהוען...

ס'איז נישט אוועקגעגאנגען קיין האלב יאהר און אלע, פון די וואס האבן זיך מתקנא געווען אין דעם געוועזענעם וואסער-טרעגער, האבן געברענגט קרבנות, זייערע קליינע קינדער, צו דעם שד, און ער האט זיי דערפאר בעלוינט מיט רענדלעך. דאס שטעדטעל איז אין איין יאהר פערענדערט געווארען, אלע זענען געווארען גבירים און עבודה-זרה דינער, נישט פון זייער אייגענעם ווילען נאר דער כח-הטומאה האט זיי צו דעם געבראכט און ביסלעכוויי האבן זיי אנגעהויבען דעם אלטען צומאכן פאר א גאט און געטהוען אלסדינג, וואס ער האט זיי בעפוילען צו טהוען.

ויהי היום, האט דער הייליגער צדיק ר' אברהם בן עזרא בעשלאסען, צומאכן אנ'ענדע פון זייערע שרעקליכע מעשים. ער איז צו זיי אין שטעדטעל

אַ ריינגעפאָהרען און געגעבענטשט ביי איינעם פון די חשוב'סטע לייט. אין דערפריה האָט ער זיך, מכלומר'שת, געמאַכט נישט וויסענדיג פון דעם אַלעס וואָס טהוט זיך אַרום איהם און האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָהרען, נאָר יענער האָט איהם נישט געלאָזט, ערקלערענדיג איהם אַז היינט איז ביי זיי אַ גרויסער יום-טוב און מ'וועט מקריב זיין קרבנות... אַלזאָ זאָל ער איהם צוליעב טהוען און אַנטהייל נעהמען אין זייער גרויסע שמחה. ער האָט זיך געלאָזט צורעדען און איז פערבליבען ביי זיי ביז וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבען זייער פינסטערע שמחה.

ער איז געזעסען צווישען אַלע פערזאַמעלטע און צוגעקוקט דאָס גרייטע. פלוצלינג איז אָנגעקומען דער אַלטער שד מקריב זיין זייערע קינדער פאַר קרבנות, און האָט בעמערקט אַז ר' אברהם בן עזרא ז"ל זיצט צווישען די פערזאַמעלטע. וויסענדיג אַז זיין סוף איז געקומען, האָט דער שד געשריען צו די פערזאַמעלטע: „שנעלער זאָלט איהר דיעזען מענטש, (אָנווייזענדיג אויף דעם „אבן-עזרא") פון דאַנען פערטרייבען, דען ער איז אומווירדיג צו זיצען צווישען אייך!" זיי האָבען געוואָלט אָנהויבען אויספיהרען זיין בעפעהל...

דאַן האָט זיך ר' אברהם בן עזרא ז"ל, אויפגעשטעלט, און האָט אויף דעם אַלטען שד אָנגעשריען: „איך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט שוין פון דאַנען אַוועקגעהן, דו זאָלסט אויפהערען צומאַכען זינדיגען אונשולדיגע מענשען און דו זאָלסט געהן צו דיין פאָלק און צו דיין שדית „לילית"!"

דער שד איז אַ דערציטערטער שנעל, מיט גיכע טריט, פון דאָרט אַנטלאָפען, איבערלאָזענדיג עטליכע יונגע קינדער, נאָך ניט קיין געשאָכטענע.

צווישען פאָלק האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער פאַניג, אַז זיי זענען שיעור פון די נעדראַנקען אַראָפּ. דער „אָבן עזרא" האָט אויף זיי געזאָגט אַ „שם" דאַן האָבען זיי פון איהם געבעטען מחילה, און אַ תשובה אויף זייערע אונגעהויערע שווערע זינד.

דער „אָבן-עזרא" האָט זיי אַרויסגעגעבען אַ תשובה: צו פאַסטען עטליכע טעג און אַוועק צו-וואַרפען אין ים אַריין דאָס גאַנצע ביסעל פערמעגען וואָס זיי האָבען אָנגעקליבען דורכ'ן כח-הטומאה, און אַ מחילה: צו בלייבען גרויסע אָרימע לייט, ווי פריהער, ביז זייער ענדע

זיי האָבען באַלד זייער פערמעגין אין ים אַריין געוואָרפען, ניט איבערלאָזענדיג די מינדעסטע זאַך ביי זיך אין שטוב. נאַכהער איז ר' אברהם בן עזרא ז"ל, פון זיי אַוועקגעפאָהרען.

אַלע איינוואוינערס פונ'ם שטעדטעל, זענען געבליבען קבצנים ווי פריהער, און די מוטערס פון די אומגעבראַכטע קינדער, האָבען ניט אויפגעהערט צו בעוויינען זייערע האַרצעדיגע קינדער וועלכע זענען געבעך אומשולדיג ערמאָרדעט געוואָרען דורך זייערע אייגענע אומדערבאַרעמדיגע עלטערען, און דער וואַסער-טרעגער „הירש'עלע-גאַפּ" האָט געהאַט דעם ערגסטען סוף, דען ער איז אין עטליכע טעג אַרום געשטאָרבען.

## ד.

## דער פערבארגענער אוצר.

ר׳ עזריאל לפידות איז געבוירען געווארען אין א שטעדטעל פון שפאניע. אין דערצייט ווען מ׳האט יודען ארויסגעטריבען פון שפאניע, איז ער דאן געווען א קינד פון 8 יאהר. זיינע עלטערען זענען פערבליבען אין שפאניע צווישען די פערבארגענע יודען, און ענדליך, אין עטליכע יאהר ארום, זענען זיי פארברענט געווארען אויף דעם אינקוויזיציאן-פייער צווישען אנדערע יודען וועלכע מ׳האט געפונען אין א הייל, דאס זיי האבען געהאלטען דעם יודישען נאציאן אין געהיים. זיי האבען מקדש השם געווען ברבים און ניט געוואלט אבטרעטען פון יודישען גלויבען: דאס קינד עזריאל לפידות, איז שוין דאמאלס אלט געווען 11 יאהר. דורך א זעלטענעם צופאל, איז די איבריגע יודען געלונגען, דאס קינד ארויס-צוראטעווען פון דער פערפלוכטער שפאניע, מ׳זאל איהם ניט טויפען, און מ׳האט איהם געבראכט קיין באזעל (שווייצאריע). דארט האט ער געבעך אלעס אנ-עלענדער יתום ארום געבלאנקעט ווי א פערבלאנדזעטע שאף אהן א פאסטעך, וואו ער האט געטאגט דארט האט ער ניט גענעכטיגט. ביי דעם יוד האט ער געגעסען א טאג, ביי דעם צווייטען א מאלצייט און ביי׳ם דריטען האט ער גע-נעכטיגט, אזוי האט געדויערט עטליכע יאהר. לערנען האט ער אויך ניט גע-קאנט, ווייל ער האט ניט געהאט פון וועמען, אין באזעל איז דאמאלס אויך געווען גאנץ ווייניג למדנים, אממעהרסטענס האבען זיך געפונען יודען וועלכע האבען זיך גאר געשעהמט מיט׳ן יודישקייט, און אזוי ארום איז דאס יונגעל גע-בליבען ארעם און פערגרעבט אז ער האט קאהם געקענט דאווענען.

איינמאל איז דאס יונגעל געשטאנען ביי׳ם טייך אויף דער בריק, פער-טראכט און פערזארגט, ווי אזוי ער זאל דא קענען פטור ווערען דאס בעטעל-ברויט און וואס קען זיין דער תכלית פון איהם? ער האט ביי זיך אבגעקלעהרט אז ער מוז זיך זעהן צו לערנען עפעס א מלאכה, זא ווי זא לערנען קען ער ניט, און ארעם איז ער, איז פאר איהם קיין בעסערע תכלית ניטא, ווי צו לערנען זיך א מלאכה. שטעהענדיג אזוי פארקלעהרט. קומט צו איהם צו אנ׳אלטער יוד און זאגט צו איהם: יונגעל וואס שטעהסטו אזוי פערקלערט?

— איך בין איין עלענדער יתום — האט ער געענטפערט מיט טרעהרין אין די אויגען — מיינע עלטערן זענען אין שפאניע פארברענט געווארען אויף דעם אינקוויזיציאן-פייער און איך בין געבליבען לעבען אויף צרות, בעסער וואלט איך אויך געווען מיט זיי צוזאמען פארברענט געווארען, דען וואס טויג מיר מיין לעבען אז איך וואנדער ארום ווי א פערלאזענע שאף אהן א פאסטעך. איך האב קיין היים, און איך בין שוין אלט 15 יאהר און וויים ניט וואס מיין תכלית קען זיין, איך וואלט זיך געוואלט לערנען א מלאכה, ווען מ׳זאל מיך ווער צו נעהמען און געבען עססען.

— הער אויף מיין קינד וואס איך וועל דיר זאגען — האט זיך דער

אלטער

אלטער אנגערופען — „איך וואָלט דיר געגעבען אַ בעשעפטיגונג, אפילו אַ גאַנץ לײַכטע אַרבײַט, נאָר 3—2 שעה אין טאָג, און דערפאַר קענסטו בײַ מיר האָבען עסען, טרונקען, דירה און קליידונג; נאָר מיט בעדונג, אַז ווען איך וועל דיך פיה־ען צו דער אַרבײַט וועל איך דיר צובינדען די אויגען דו זאָלסט ניט זעהן וואו איך פיהר דיך, נאָר בײַ דער אַרבײַט וועל איך דיר צוריק אויפבינדען די אויגען. נאָך די עטליכע שעה אַרבײַט וועל איך דיר ווײַטער צובינדען די אויגען און צוריק פיהרען אַ היים. נאָכהער מעגסטו דיר געהן אַ ביסעל אין גאַס אַרײַן שפּאַצירען אָדער זיך לעגען שלאָפען, וואָס דו ווערסט וועלען; אויסער דעם אַלעם, מוז די זאַך בײַ דיר בלײַבען אין געהײַמניס, דו זאָלסט קײַנעם ניט ענטדעקען וואָס פאַר אַנ'אַרבײַט איך געב דיר".

דאָס יונגעל האָט איהם צוגעזאָגט צו ערפולען אַלעס וואָס ער וועט איהם הײַסען, אַבי ער זאָל האָבען אַ מקום מנוחה און ניט דאַרפען צו עסען קײַן געבעטען־ברויט. דער אלטער האָט איהם באַלד אַרײַנגעפיהרט אין אַ מאַגאַזין פון קליידער און איהם אָרנטליך אויסגעקליידט, נאָכהער איז ער מיט איהם אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן, און געהײַסען איהם געבען אַ גוט מיטאָג. נאָכ'ן עסען האָט ער איהם געפיהרט צו זיך אַ היים. געוואוינט האָט דער אלטער אונטער דער שטאָדט דאָרט האָט ער געהאַט זײַן אייגענס אַ הויז מיט אַ גאָרטען. זײַן בעוואוינונג איז בעשטאַנען פון עטליכע צימערין; נאָר קײַן ווײַב און קינדער האָט ער ניט געהאַט. ער האָט געלעבט זעלבסטשטענדיג אַליין.

אַהײַם קומענדיג, האָט זיך דער אלטער אוועקגעזעצט בײַ אַ טיש אָבּדוהען, און גלײַכצײַטיג אנגעוויזען לפידות'ן אויף אַ סאַמאָוואַר, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ קלײַן טישעלע אין אַ זײַט שעהן אָבגעפוצט און געהײַסען אויפשטעלען דעם סאַמאָוואַר און מאַכען טהעע. בײַם טרונקען די טהעע, האָט איהם דעם אלטער אָנגעוויזען אַ בעזונדער צימערל אין וועלכען ס'איז געשטאַנען אַ בעט מיט קלאָהר בעטגעוואַנט, אַז דאָס וועט זײַן דעם יונגעלס געלעגער, און אויב ער וועט זײַן צופרידען פון איהם וועט ער איהם האַלטען ווי אַנ'אייגען קינד, און ס'וועט איהם גאָרניט פעהלען בײַ איהם.

מ'האָט אָבגעטרונקען די טהעע, האָט דער אַלטער זיך אָנגערופען: יעצט וועלען מיר געהן צו דער אַרבײַט! ער האָט איהם פערבינדען די אויגען און אָנגענומען פאַר דער האַנד און געגאַנגען מיט איהם. ער איז מיט איהם אָבגעגאַנגען אַנ'ערך פון אַ וויאָרסט וועג, האָט ער געהערט ווי דער אלטער שליסט אויף אַ טהיר און פיהרט איהם אַראָפ פון טרעפ אין אַ הײַל אַרײַן. ווען ער איז מיט איהם אַראָבגעקומען האָט ער איהם אויפגעבינדען די אויגען.

עזריאל לפידות האָט זיך דאַן געפונען אין אַ נײַע וועלט; ער האָט זיך גאָרניט געוואָלט גלויבען אַז זײַנע אויגען זעהען דאָס וואָכענדיגעהײַט: ער האָט דערזעהן דאָס ער געפינדעט זיך אין אַ גרויסען שאַנץ, אַרום איהם זענען געלעגען גאַנצע בערג מיט גאָלד און זילבער, פערשידענע מטבעות פערשימעלטע און גאַנצע שטאַבעס גאָלד און זילבער, פון מאַנכע האָט יעבלאַסשצעט דאָס גאָלד

און טהייל זיינען געווען פערשימעלט אז מ׳האט ניט געקענט דערקענען צי ס׳איז גאלד, צי זילבער, צי אייזען? — ווייטער אהינצו איז געווען א בעזונדער אבטהיילונג פון טהייערע עדעל-שטיינער ווי, דימאנטען, ברילליאנטען, שמאראקען אז״וו, גרויסע און קליינע, זיי האבען געלויכטען ווי די זון אין העלען טאג, אבוואהל די הייל איז געווען אונטער דר׳ערד דאך האבען די טהייערע שטיינער בעלויכטען די הייל בעסער ווי עלעקטריא.

דער אלטער האט איהם געגעבען א פיילעל אין דער האנד און געהייסען איהם אויסקלויבען פון די פערמישטע מטבעות יעדער סארט בעזונדער, ווי צום ביישפיעל: גאלד-צו-גאלד, זילבער-צו-זילבער, קופער-צו-קופער, און אזוי יעדער מטבע בעזונדער, ווי ביי אונז: צעהן רובלדיגע, פינף רובלדיגע, רובלעם, האלבע רובלעם 25 קאפ׳ 20 קאפ׳ אז״וו. פון גאלד, זילבער און קופער אלעם צו סארטירען און מאכען בעזונדערע פשעגראדקעס מיט ברעטער פערצוימט כדי ס׳זאל ניט ווערין פערמישט. און די מטבע אדער די שטאבע וועלכע איז פערשימעלט, האט ער איהם געהייסען עטוואס אבפאלען מיט׳ן פיילעכיל וועלכעס ער האט איהם געגעבען, וועט ער דערקענען וואס דאס איז און וויסען וואו צו לעגען. דער אלטער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם אכטונג געבען און זעהן צי ער מאכט אלעם אין ארדנונג. דאס יונגעל האט געארבייט גאנץ פלייסיג און וועלכע מטבע ער האט ניט געוואוסט וואס דאס איז האט ער געפרעגט דעם אלטען

נאך 3 שעה ארבייט האט איהם דער אלטער איבערגעזוכט, צי ער האט ניט עפעס גע׳גנב׳עט, נאכהער האט ער איהם ווייטער פערבונדען די אויגען, און פערשלאסען די טהיר מיט פיעל שליסלען און מיט איהם א היים געגאנגען.

א היים קומענדיג, האט דער אלטער אליין אבגעקאכט א מיטאג און ביידע האבען געגעסען נאכ׳ן עססען האט דער אלטער געזאגט צו איהם, אז ער מעג זיך יעצט צו לעגען א ביסעל שלאפען, אדער געהן אין גאס ארייין א ביסעל שפאצירען. דאס יונגעל האט ניט געוואלט געהן אין ערגיץ, נאר ער האט זיך געלעגט שלאפען. ער האט זיך נאר דערקוויקט, דען וואו האט ער געהאט אזא געלעגער ער פלעגט זיך דארט וואלגערין אויף דר ערד אדער אויף א באנק, און יעצט האט ער זיך געשפירט גליקליך ווי די וועלט; ער האט עססען, טרונקען, א גוט געלעגער און דערצו א לייכטע ארבייט. וואס ברויכט ער בעסער, ער האט זיך דאס זעלבסט ניט פארגעשטעלט; און דעריבער האט ער ביי זיך בעשלאסען די זאך צוהאלטען אין געהיים און קיינעם ניט צו ענט-רעקען דעם סוד פונ׳ם אוצר, כדי דערמיט זיך ניט קאליע צומאכען אזא גוטע שטעלע.

צומארגענס האט דער אלטער איהם ווייטער א היין געפיהרט צו דער ארבייט, אזוי ווי נעכטין, און דער אלטער איז געווען פון איהם העכסט צופרי-דען אין אלגעמיין, אי פון זיין פלייסיגע ארבייט, אי פון זיין ארנטליכ-

אויפפיהרונג

איפפיהרונג. דען ער איז אין ערגיץ ניט געגאנגען, וועלכעס דער אלטער האט דאס זעהר גערין געזעהן; אמאל פלעגט איהם דער אלטער אליין יאגען ער זאל זיך א ביסעל איבערנעהן שפאצירען, אין דערציים ווען ער פלעגט זיך צולעגען שלאפען און דאס יונגעל האט ניט געקענט שלאפען, לערנען, לעזען א צייטונג האט ער אויך ניט געקענט, און דער אלטער האט איהם ניט געוואלט לאזען לערנען, וויל דאס האט פאר איהם ניט געלוינט אין אלע פאכען: דען ערשטענס האט ער קיין פרעמדען מענש אבסוליט ניט געוואלט אריינלאזען צו זיך אין שטוב, מ'זאל ניט וויסען וואס ביי איהם טהוט זיך... צווייטענס האט ער איהם אפילו אליין אויך ניט געוואלט לערנען, וועהרענד דער אלטער האט יא א ביסעל געקענט, דעריבער האט ער פערשטאנען אז דאס בילדונג קלונגט אויס דעם מענשען, און דאס האט פאר איהם ניט געלוינט... ער האט דעריבער אויס-געקליבען לפידות'ן צו דער ארבייט, וויל ער האט געזעהן אז ער איז א נאאיוו יונגעל און ווייסט ניט קיין חכמות, און אזעלכער וועט איהם ניט קוקען אין טאפ אריין... אפילו זיין פרוי (דעם אלטענס) וועלכע איז מיט 5 יאהר צוריק גע-שטארבען, האט אויך אין פערלויף פון איהר לעבען מיט איהם, ניט געוואוסט פון דעם אונגעהויערען רייכטהום וואס איהר מאן בעזיצט, „דעם פערבארגענעם אוצר". פון דאמאלס אהן, האט דער אלטער בעשלאסען מעהר ניט צו הייראט-הען און האט געלעבט זעלבסטשטענדיג אליין; ער האט זאגאר קיין דינערשאפט ניט געוואלט בענוצען, נאר אליין אלעס געטהון: געקאכט, געראמט און גע-פוצט, אלעס אליין. נאר צייט עזריאל לפידות איז צו איהם אנגעקומען, האט ער דעם אלטען מעהר ניט געלאזט טהוען די מינדעסטע זאך. און דער אלטער האט שוין געהאט פאלקאם מנוחה. דעריבער וועט דעם לעזער קיין וואונדער ניט זיין דאס איבער די אלע אויבענדערמאנטע מעלות, האט דאס יונגעל ביי דעם אלטען געפונען גרויס סימפאטיע און שטארק נושא־חן געווען, דאס ער האט איהם געהאלטען ווי אן אייגען קינד.

ויהי היום, האט זיך דאס יונגעל מיישב געווען. ער מוז דערגעהן וואו דאס ארט פונ'ם אוצר איז, א וואו דער אלטער פיהרט איהם אלע טאג. ער איז געפאלען אויף אן המצאה, ער האט זיך געקויפט 2 קווארט באניקערין, און אויפגענייהט זיך מיעפע קעשענעס און אנגעשיט זיך פולע קעשענעס מיט די באני-קערין, און ווען דער אלטער האט איהם צוגעבינדען די אויגען צו פיהרען איהם צו דער הייל פונ'ם אוצר, ווי געוועהנליך אלע טאג, אזוי ווי ער איז נאר פון שטיב ארויס, האט ער זיך געמאכט א קליין לעכיל [illegible] דער ערשטער קעשענע, און די האנד געהאלטען אין דער קעשענע און לאנגזאם געשיט איבער דעם גאנצען וועג די באניקערין, ווען ער האט געשפירט אז די קעשענע האט זיך שוין אויסגעליידיגט, האט ער שנעל איבערגעכאפט די האנד אין דער צווייטער קעשענע אריין און דארט געמאכט אלעכיל און ווייטער געשאטען, אזוי האט ער געטהון איבער'ן גאנצען וועג ביז צו דער הייל פונ'ם אוצר, אבקלעהרענדיג ביי זיך אז איב דער אלטער וועט דאס באמערקען און איהם פרעגין דערויף, וועט ער זאגען

אז ער האט זיך די באניקערין געקויפט צו עסען, נאר צופעליג האט זיך איהם געמאכט אלאך אין קשענע און ער האט פערשיט. צו זיין גליק האט דער אלטער דאס גארניט באמערקט, און אזוי ארום האט ער זיך געמאכט א צייכען דעם גאנצען וועג ביז צו דער הייל.

נאכדעם ווי ער האט אבגעארבייט זיינע עטליכע שעה אין דער הייל, און איז מיט׳ן אלטען צוריק אהיים געגאנגען, האבען זיי אבגעעסין מיטאג. ווען דער אלטער איז געגאנגען שלאפען, האט לפידות געזאגט דעם אלטען אז ער געהט א ביסעל אין שטאדט אריין שפאצירען. דער אלטער האט קיין שום חשד ניט געווארפען דערויף, ווייל דאס יונגעל פלעגט אפטמאל צוגעהן אין שטאדט אריין, און דער אלטער האט איהם ניט געשטעהרט, זעהענדיג אז ס׳איז איהם קיצנע אליין צו בלייבען אין שטוב, בעת דער אלטער האט זיך געלעגט שלאפען, האט ער איהם יעצט אויך ערלויבט צו געהן.

עזריאל לפידות איז זיך געגאנגען גלייך מיט׳ן שליאט פון די באניקערין וועלכע ער האט פערשאטען, און דער שליאט האט איהם געפיהרט אויף א גלייכען שאסעי, נאכהער אין א קליין וועלדיל מיט גידעכטע ביימער, נאכ׳ן וועלדיל באלד צו אנידריג בערגיל בעוואקסען מיט גראז און דא ביי דעם בערגיל האט זיך געענדיגט דער שליאט פון די באניקערין. דאן האט ער פערשטאנען אז דא אונטער דעם בערגיל דארף זיך געפינען די הייל פונ׳ם אוצר.

ער האט אנגעהויבען בעטראכטען דאס בערגיל פון אלע זייטען, און ער האט אבער ניט געפונען קיין שום אטפאר ווי אזוי אריין צוגעהן אין דער הייל. דאס בערגיל איז געווען גאנץ גלייך בעוואקסען און מ׳האט ניט אנגעזעהן קיין שום צייכען. די אורזאך דערפון איז געווען ווייל דער אלטער איז געווען א צויבער, האט ער מיט כישוף בעהאלטען די טהיר אז קיינער זאל ניט טרעפען, און ווען ער פלעגט אריינגעהן, האט ער מיט כישוף געשפאלטען די ערד און נאכהער צוריק פערמאכט אז ס׳איז אונמעגליך געווען צו דערקענען.

דאס יונגעל איז צוריק געגאנגען אהיים, און צוריק צו־וועגס האט ער צונויפגעקליבען די באניקערין, כדי דער אלטער זאל ביים צווייטען מאל גאנג דאס ניט באמערקען, און גלייכצייטיג האט ער זיך גוט אומגעקוקט דעם וועג, און זיך געמאכט סימנים, כדי ער זאל דאס צווייטע מאהל שוין טרעפען אהן דעם שליאט פון די באניקערין. אזוי איז ער עטליכע מאל געגאנגען און אליין געקלעהרט מיטלען ווי אזוי צו דערגעהן דעם אריינגאנג אין דער הייל, אבער ער האט ביי קיין פאל ניט געקאנט דערגעהן. גראבען אין דעם בערגיל האט ער מורא געהאט פאר דעם אלטען, טאמר וועט ער דערקענען און ווארפען אויף איהם אחשד...

דריי יאהר צייט איז ער אבגעווען ביי דעם אלטען, און ער האט איהם זעהר ליעב געהאט ווי אן׳אייגען קינד. פלוצליג איז דער אלטער גאנץ ערענסט קראנק געווארען און ער האט געשפירט אז ס׳איז געקומען זיין צייט ער זאל שטארבען. ער האט דאס יונגעל צוגערופען צו זיין בעט און געזאגט צו איהם,

פֿיר וויסען מײַן קינד, אז איך געקומען מײַן צײַט צו-שטארבען, קיין יורשים האָב איך ניט, קומט אויס אַז די רעגירונג זאל צונעהמען מײַן גאנץ פערמעגן; אלזא וויל איך גיכער אז דו זאלסט מיך ארבען. אלעס א בעלוינונג פאר דעם וואס דו האסט מיך געטריי געדיענט אין פערלויף פון די עטליכע יאהר; אלזא גיה און רוף מיר דעם ראיענט וועל איך דיר אבשרייבען מײַן הויז מיט מײַן גאנץ פערמעגען; דו ביזט דאך אַן אַנ׳עלענדער יתום וועסטו נאך מײַן טוידט הײַ-ראטהען און פון אײַנטראג פון הויז און א ביסעל קאפיטאל געפינט זיך איך בײַ מיר, וועסטו פון דעם האבען גענוג אויף דײַן לעבענס באדערפעניש. (פונים אוצר האט ער איהם ניט געוואלט ענטדעקען ווײַל ער האט מורא געהאט מאמער בלײַבט ער לעבען איז איך ... שאר געוועזען ביז דער לעצטער מינוט צו ענטדע-קען דעם אוצר).

עזריאל לפידות איז דאמאלס שוין אלט געוועזען 18 יאהר, ער איז זאגאר קיין נאר ניט געוועזען; ער האט גארניט געוואלט דעם אלטען פארלענגען ער זאל איהם ענטדעקען דעם אוצר, ווײַל ער האט זיך געטראכט, זאל דער אלטער נאר צומאכען די אויגען, וועל איך שוין וויסען וואס איך האב צוטהוען...

ער איז באלד געלאפען נאכ׳ן ראיענט. דער ראיענט איז געקומען און דער אלטער האט איהם געהייסען מאכען אנ׳אקט, אז דאס הויז מיט זײַן גאנץ פערמעגען ניהער נאך זײַן טוידט צו דעם יונגען עזריאל לפידות. מיהאט געמאכט די צואה אפיציעל, פארמאלנע, און אין עטליכע טעג ארום איז דער אלטער געשטארבען.

נאכ׳ן אלטענס טוידט האט לפידות אנגעהויבען זיך אומקוקען אין אלע צימערן, וואס ס׳געפינט זיך. ער האט געפונען מזומנים אַניערך פון 2000 רובל און א ביסעל ווארטאשצי זאכען ווי, גאלד, זילבער, אויך פאר א 1500 רובל. אין אלטענס שלאף-צימער, אין אַנ׳אײַנגעמויערט שענקעלע, האט ער געפונען א בינטעל שליסלען. פער שיעדענע, גרויסע און קלײַנע. ער האט גענומען צו-פאסען די שליסלען צו אלע זאכען פון שטוב, צו די טהירען פון די צימערן און צו שענק און קאסטענס, אבער די שליסלען האבען זיך צו די אלע זאכען ניט געפאסט, דען אויף דעם אלעם איז געוועזען בעזונדערע שליסלען. דאן האט ער פערשטאנען אז די שליסלען מוזען זײַן פונים אוצר.

ער האט גענומען מיט זיך די שליסלען און א לאפאטע ווי אויך אנדערע כלים וועלכע ס׳ברויכט צום גראבען און איז געגאנגען צום בערגיל פונים אוצר. קומענדיג אהין, האט ער מיט גרויס פארזיכטיקייט, אז קיין זייטיגער מענש זאל ניט באמערקען — גענומען גראבען אין דעם בערגיל, און ענדליך האט ער גע-פונען די טהיר אונטערן בערגיל. דאן האט ער גלײַך, מיט דעם בינטעל שליס-לען אויפגעשלאסען די טהיר פון דער „שאץ-קאמער" און געפונען אלעם אין בעסטען ארדנונג. ער האט זיך גענומען אַניערך פון 100,000 רובל גאלדענע מטבעות און צוריק פערשלאסען און פערשיט מיט דער ערד, מ׳זאל גארניט דערקענען, און צוריק א היים געגאנגען.

און עטליכע טעג ארום האט ער זיך אנגעהויבען נאך פֿרעגן צו וועמין
ס'געהער דאס וועלדיל מיט'ן בערגיל. ער האט זיך דערוואוסט אז ס'געהער צו
א בעוואוסטען בירגער פֿון באזעל, א דייטש ניט קיין יוד. דאן האט ער געשיקט
א מעקלער צום דייטש, אז ער וויל ביי איהם אבקויפֿען דאס וועלדיל מיט'ן שטיק
לאנקע אויף וועלכער דאס בערגיל געפֿינט זיך. דער דייטש האט ניט גערן
געוואלט פֿארקויפֿען; נאר מ'זאל איהם גוט בעצאהלען, וואלט ער פֿארקויפֿט.
ער האט געפֿאדערט א פרייז, מעהר וויפֿיעל ס'איז ווערט געווען... עזריאל
לפידות האט זיך ניט לאנג געדונגען; און איז מיט איהם דורכגעקומען. געקויפֿט
און בעצאהלט און אבגעשריבען ראיענטאלניע.

דאן האט ער זיך געלאזט מויערען אויף דעם ארט א גרויסען פאלאץ,
און דאס בערגיל האט ער ניט געלאזט אבהאקען, נאר פֿערמויערט ארום דעם
בערגיל א הויכען מויער און פֿערפֿלאנצט בוימער און געמאכט דאס ארט פֿאר
זיינים-ווענען, א שפאציער גארטען. איגעוויינינג האט ער זיך שוין אליין גע־ארע־
ווען א סעקרעטנע צוגאנג, אזוי אז קיינער האט ניט געקענט באמערקען וואס
דארט איז.

•

•

עזריאל לפידות האט אנגעהויבען לעבען, א גליקליך לעבען, געמאכט
ביי זיך אנ'הכנסת-אורחים-הויז מיט א גרויסע ישיבה פֿאר ארימע קינדער, גע־
צאהלט מלמדים און געגעבען עססען און דירה פֿאר די ארימע קינדער און אליין
האט ער אויך געלערנט עטליכע שעה אין טאג מיט א מלמד, ארימע לייט וועל־
כע זענען דורך געפֿאהרען פֿאר זיין פאלאץ, האבען שוין געוואוסט, דא זיך אפּ־
צושטעלען, דא האבען זיי בעקומען עססען און נאכט-לעגער. ווער ס'איז אריינ־
געקומען הינגעריג איז ארויסגעגאנגען זאט, ווער מיט צוריסענע קליידער האט
בעקומען גאנץ נייע, און זיין שם איז מפורסם געווארען וואס א מאהל אלץ מעהר.
מ'האט געוואוסט אז ער איז א גרויסער גביר, און אז ער האט גע'ירשה'נט פֿון
אלטען א גרויס פֿערמעגין; נאר פֿון אוצר האט קיינער ניט געוואוסט, אויסער ער
אליין. מ'האט איהם אנגעהויבען רעדען די גרעסטע שידוכים; ער האט אבער
אלע אבגעשטויסען, ווייל ער האט ניט געוואלט מהוען קיין געלד שידוך.

איינמאל איז איהם אויסגעקומען צוגעהן פֿון שטאדט צו זיך א היים,
ס'איז געווען ביינאכט ארום 11 דער זייגער, האט ער געבראכט פֿערביי געהן
די בריק איבער'ן טייך. פלוצלינג האט ער דערזעהן, ווי א יונגע פֿריילין איינ־
געהילט אין א טיכעל איבער'ן קאפּ, געהט מיט שנעלע און האסטיגע טריט.
גלייך צום טייך... ס'איז איהם איינגעפֿאלען א חשד, אז דאס מעדעל געהט זיך
טרינקען אין טייך. ער איז גיך נאכגעגאנגען פֿון הינטען, זי זאל ניט באמערקען
אז ער געהט איהר נאך. און ווען ער האט דערזעהן דאס זי געהט אראב אונטער
דער בריק גלייך צום טייך און לעגט אוועק ביים ברושעק פֿון טייך, א בריפֿעלע

און די אויבערשטע מלבושים, דאן איז ער צונעלאפען און זי אנגעכאפט ביי די הענד און געזאגט: וואס טהוט זיך מיט אייך, וואס נעהמט איהר טהוען?!

— „איך מוז מיך טרונקען!" — האט זי מיט פערצווייפעלטע אויגען גע-ענטפערט — אומקוקענדיג זיך ווער ס'האלט זי אב פון זעלבסט-מארד.

— „גאט בעהיט!" — האט לפידות אויסגעשריהען — איך וועל דאס ביי קיין פאל ניט דערלאזען, דערצעהלט מיר אייער אומגליקליכען שיקזאל וועלכער האט אייך געבראכט דערצו, פיליכט וועל איך אייך קענען ארויסהעלפען פון אייער נויט...

— אה, גאט מיין איינציגער! ציא איז דען פערהאן אזא בארימהארציגער מענש וועלכער זאל מיר קענען העלפען? — איך בין דאך די אומגליקליכסטע אויף דער וועלט, וואס טויג מיר מיין לעבען, לאזט מיך בעסער מאכען א סוף צו מיין לעבען. דען ס'איז שוין ניט מעגליך איבערצוטראגען די שרעקליכע ליידען. ביי די לעצטע ווערטער איז זי אונמאכט געפאלען אין זיינע ארעמס. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לפידות האט זי אבגעמונטערט און געכאפט א דראשקע און מיט איהר אהיים געפאהרען, צו זיך אין פאלאץ. דארט האט ער איהר געגעבען גוטע פרוכטען און טהעער'ן וויין, איהר הארץ צו דער קוויקען. נאכהער האט ער איהר אנגעוויזען אויף א בעזונדערן צימער אוואו ס'איז געשטאנען צוויי טהייערע בעטלעך מיט קלאהר בעטגעוואנט, און דערביי איהר אויפמערקזאם געמאכט:

איהר קענט זיך דא איבערנעכטיגען, איך וועל אייך מיטגעבען דיזע פריילין [אנווייזענדיג איהר אויף א דיענס-מעדעל וועלכע האט גראדע דערלאנגט טהיי צום טיש], פיליכט וועט איהר זיך נויטיגען אין עפעס וועט זי אייך אלעס געבען און איהר מעגט שלאפען רוהיג ס'וועט אייך דא קיין שום שלעכטס ניט געשעהן, איך זעה דאס איהר זייט נאך שרעקליך אויפגערעגט, איבער דעם איז גלייכער איהר זאלט זיך פריהער בערוהיגען און מארגען אין דערפריה וועט איהר מיר פון אלעם מיטטהיילען, דאן וועלען מיר זעהן אלעם אין ארדנונג צוברענגען.

עזריאל לפידות איז דאן שוין אלט געווען 20 יאהר. ער האט געפיהרט גרויסע געשעפטען און האט געהאלטען פיעל מענשען, און געגעבען די גרעסטע נדבות; פיעל נויטבעדערפטיגע זענען דורך איהם געהאלפען געווארען. ווער ס'האט נאר א קרים פנים בעוויזען, האט ער שוין ניט ענטזאגט. זיין מסחר איז בעשטא-נען פון טייערע עדעל-שטיינער, ווי: דימאנטען, ברילליאנטען, שמאראקען אזוי, וועלכער ער האט געצויגען פון זיין שאץ-קאמער אהן אויפהער; נאר זיי זענען ניט געווען קיין געשליפענע, האט פערלעגט אפאבריק פון שלייפען דימאנטען און אראנגעבראכט פון אנטווערפען צפעציעלע בעל-מלאכות דערצו, און האט פאר-קויפט און געקויפט, אזעלכע וואס ער האט ניט געהאט, און ער איז בעוואוסט געווארען אויף דער גאנצער וועלט. אז אקעניג האט געברויכט די גרעסטע און בעסטע עדעל-שטיינער, האט מען שוין געוואוסט אז דאס וועט מען ניט בעקומען

נאר

נאר ביים לאָרד לפירוה. מ׳האָט איהם גערופען „דער קעניג פון רייכטהום״ און קיין פרוי האָט ער נאָך ניט געהאַט.

ווען די נערסטעטע פרייליין איז געגאַנגען שלאָפען, האָט לפידות זיך אָנגערופען צו זיין עלצטען בוכהאַלטער; אַניאונגעהייראַטעטער יונגער מאַן, וועלכער איז בעזיצען אַ הויכע בילדונג און פערנומען ביי לפידות׳ן אַ גרויסען פאָסטען פון 200 רובל מאָנאַטליך, און לפידות האָט זיך אין איהם אַנגעטרויענט זיינע אַלע געשעפטען:

— האָט איהר געזעהן — האָט לפידות געזאָגט צום בוכהאַלטער, הי׳ קירש — וואָס פאַר אַ וואונדערבארע שוינהייט די פרייליין איז, דאָס עדעלקייט ליגט איהר אויפ׳ן געזיכט, זי ווייזט אויס שטאַמט, פון סאַמע עדעלסטע קלאַס, אין איהר רעדען זעהט מען אָהן, דאָס זי האָט אַמאָל געהאַט אַ הויכע בילדונג; נאָר די שוואַרצע חמארע וועלכע איז אויסגעגאָסען אויף איהר געזיכט, זאָגט עדות אויף איהרע גרויסע לײדען און נויט וואָס זי איז אויסגעשטאַנען; און אַזאַ יונגע בלום וועלכע וואָלט זיך גיקענט ענטוויקלען ווי אַ שעהנע רויז, האָט זיך געוואָלט דאָס לעבען נעהמען!!

— יאָ, האָט הי׳ קירש געענטפערט — ס׳איז אַ וואונדערבארע שענהייט! ווען די פרייליין זאָל אַנקומען אין אַ רייך הויז אריין, וואָלט זי זיך אין אַניאוים-נאָהם ענטוויקעלט; ס׳איז זעהר אינטערעסאַנט צו וויסען, איהר שרעקליכע פערגאַנגענהייט וועלכע האָט זי צום זעלבסט-מאָרד געטריבען; ווען איהר זאָלט מיר ערלויבען, איך זאָל אייך דעמיט, בעהיטע גאָט, ניט בעליידיגען — וואָלט איך אייך עפּעס פאָרגעלייגט... מיר מוזען זיך אָבער פריהער בעקענען מיט איהר ביאָגראַפיע, אַנדערש קענען מיר פון דער זאַך ניט רעדען.

— איהר מעגט זאָגען אייער מיינונג, הי׳ קירש — איך געפין זיך ניט בעליידיגט פון קיין שום זאַך; יעדער מענש מעג ארויס זאָגען זיינע געדאַנקען, פיליכט קען מען אַמאָל צו טרעפען צו דער ציעל...

— איך מיין, אַז אַזוי ווי איהר קענט זיך צו קיין שום שידוך ניט בעשליסען און איהר שטרעבט ניט צו קיין געלד שידוך, נאָר דוקא צו אַ נויטווענדיגע, וואָלט די פרייליין געווען פאַר אייך אַ געוואונשטע פּאַרטיי... און פאַר דער וועלט וואָלט די זאַך אַ גרויסען איינדריק געמאַכט, פון אַזאַ בארימהאַר-ציגען שריט.

— איך מוז אייך די גאַנצע וואָהרהייט זאָגען — האָט לפידות ווייטער גירעדט — אַז פון די ערשטע מינוט וואָס איך האָב זי דערזעהן האָט זי מיך בע-צויבערט מיט איהר זעלטען שענהייט, און איהר טרויעריגער בליק וועלכען זי האָט אויף מיר געוואָרפען ווען איך האָב זי פון זעלבסט-מאָרד געראַטעט האָט מיך מאָמענטאַל אַזוי גערירט אַז איך האָב תיכף ביי מיר אין הארצען בעשלאָסען דעם שריט צו בייגעהן, איידער איך האָב נאָך געהערט איהר געשיכטע, דען איך גוסטיר ניט אין קיין רייכע שידוכים, וויל קיין געלד גאָט-צו-דאַנקען, פעהלט מיר ניט, מיין הארץ שטרעבט נאָר צו נויטבאַדערפיגע; איך האָב אָבער ניט

געוואלט רעדן דערפון, פילײַכט איז זי שוין אפּערלאָבטע; און אפשר טאקי די אורזאכן האבן זי געבראכט צום זעלבסט-מאָרד...

— געוויס מײַן הער, קענען מיר נאך יעצט פאָרלײַפיג גאָרניט רעדן דערפון — האט הי קירש געענטפערט — מיר מוזען פריהער זיך דערוואוסען פון איהר, די גאנצע ביאָגראפיע איהרע, נאכהער וועלען מיר וויסען וואס צו רעדען.

נאָך דעם שמועס האט מען געענדיגט די אבענד-ברויט מיט טהיי און מ'איז געגאנגען שלאָפען יעדער אין זײַן בעזונדערין צימער.

אין דערפריה, מ'איז אויפגעשטאנען פון שלאָף, איז שוין געשטאנען גרייט דער סאמאָוואר אויפ'ן טיש. די פרײַלין סאָניע איז ארײַנגעקומען אין עסט-צימער און זיך העפליך געגריסט צו אלעמען. לפידות איז שוין געזעסען בײַ'ם טיש אונגעדולדיגט און געוואַרט אויף איהר אויפשטאנד. ער האט זי געבעהטען צום טיש טרונקען טהיי. נו יעצט — האט לפידות זיך געווענדעט צו איהר מיט א שמייכעל — דערצעהלט אונז אײַער געשיכטע, וועלכע האט אייך געבראכט צום זעלבסט-מאָרד.

און זי הויבט אָהן דערצעהלען פאָלגענדעס:

„מײַן פאטער איז א געבוירענער פון גאליציע, און מײַן מוטער א היגע. נאָך דער חתונה האט מײַן פאטער געזעסען עטליכע יאָהר קעסט, ווײַל מ'האָט איהם גענומען פאר א לערנער, ער איז שטענדיג געזעסען און גילערנט, און מײַן גראָס-פאטער, דער מאַמעס טאַטע, איז געווען א גרויסער מאַניפאקטור סוחר, און מײַן מוטער איז פון קינדערווײַז-אָן געווען אין געשעפט. מיידעל-ווײַז איז זי געווען בוכהאלטערקע, און נאָך דער חתונה איז זי געוואָרען די גאנצע סוחר'טע. ווען מײַן זיידע איז געשטאָרבען, איז בײַ אונז געבליבען דאס גאנצע געשעפט, וועלכעס האט בעטראָפען אין די שוועהרע טויזענדטער, און אזוי איז מײַן מוטער ווײַטער געבליבען אלײַן די גאנצע סוחר'טע און זי האט געפיהרט דאָס גאנצע געשעפט; נאָר געוועהנליך האָבען מיר געהאלטען מענשען, משרתים, בוכהאלטערס. ווען איך בין אונטערגעוואקסען און געענדיגט „צוואונג-שולע", האט מיך מײַן מוטער ארײַנגענומען אין געשעפט, דאן בין איך אלט געווען 14 יאָהר. אין פערלויף פון 3 יאָהר בין איך געניט געוואָרען אין געשעפט, און האָב גרויסע נוצען געבראכט; מײַן מוטער האט קאָהם אבגעטעהעמט, ווײַל ביז דאמאָלס איז אויף איהר געלעגן דער גאנצער עול פון געשעפט און פון שטוב ווירטשאפט. ווײַל מײַן פאטער איז אליין געזעסען און גילערנט, און האט ניט געוואָלט קומען אין געשעפט ארײַן. אבוואָהל מיר האבען אין דערהיים אויך געהאלטען דינסטען און משרתים, דאָך אָבער, געוועהנליך קען קיין שטוב ווירטשאפט אָהן קײַן ווירטהין, ניט עקזיסטי-רען. מײַן מוטער פלעגט אָפטמאָהל פאָרוואורף מאכען מײַן פאטער, פארוואָס ער העלפט איהר ניט צו. ס'איז ניט פאר איהר כח, צו פאר ארבײַטען אזא הויך געזונד מיט א געשעפט; ער האט אָבער איהר גאָרניט געקענט העלפען, ווײַל צו קײַן הויז-ווירטשאפט איז קײַן מאנספערזאָן ניט זדאָלנע, און אין געשעפט איז ער ניט געניט געווען, ער האט גאָרניט געוואוסט ווי אזוי צו האנדלען מיט א מענש.

דאדורך

דאדורך איז דאס געשעפט וואס אמאל מעהר אונטערגעגאנגען, אביסעל האבען אונז מענשען בעגנב׳עט, און אביסעל האט זיך דאס לײזונג אבגעשוואכט, ווײל אין בעסטען ס׳איז געקומען א סוחר, איז מײן מוטער געוועזען אין דערהײם; אמאל האט מען געברויכט צו זוכען דעם סוחר אין די האטעלען. פון גרויס קרענקונג און פיעל ארבײט, איז מײן מוטער אײנמאל, פלוצלינג, גאנץ ערנץ קראנק געווארען, און איז געלעגען צו-בעט 10 טעג. געוועהנליך האט מען זי געגוג גערא-טעוועט, די גרעסטע דאקטוירים און פראפעסארען זענען ארײנגעגאנגען; אבער לײדער, האבען זײ איהר גארניט געקענט העלפען, זײ האבען געזאגט אז די גאל האט איהר געפלאצט און זי איז געשטארבען.

נאך מײן מוטער׳ס טוידט, האט זיך ערשט אנגעפאנגען דער שרעקליכ-סטער מאמענט. איך בין דאמאלס אלט געוועזען 17 יאהר, און מײן פאטער האט ניט געטויגט צום געשעפט, און די מענשען האבען אונז אויסגעשטעלט פאר באנקראט, מ׳האט אונז פארזיגעלט דאס געשעפט און ליקווידירט, די בעל-חובות האבען אונז געיאגט און געפלאגט, און אין דערהײם אויך געמאכט זאיענטשיס, הקיצור ס׳איז געווארען א תל פון אונז, און דער דלות האט זיך צו אונז מיט אמאל ארײנגעחאפט, אז מיר האבען ניט געהאט צו בעצאהלען קײן דירה-געלד. און מיר זענען שולדיג געוועזען אין עטליכע געוועלבען פאר עסענווארג, אלץ וואס מיר האבען פערמאגט: צירינג, זילבער און מײן מוטער׳ס מלבושים, האט מען פארזעצט און פארקויפט, ס׳איז געווען ביטער די לאגע.

אײנמאל קומט מײן פאטער אהײם פון שוהל נאכ׳ן דאווענען, אנשטאדט ער פלעגט שטענדיג קומען 10 א זײגער אין דערפריה איז ער דאמאלס געקומען 1 א זײגער מיטאג. ארײנגעקומען איז ער גאנץ פרעהליך, מיך האט די זאך זעהר געוואונדערט, ווײל צײט מײן מוטער איז געשטארבען פלעגט ער ארום צוגעהן טרויעריג, און יעצט האט זיך מיר אויסגעוואוזען, אז מײן פאטער האט הײנט געמוזט מאכען עפעס א גוט געשעפט. איך האב איהם געגעבען פריהשטיק און ער האט מיר דערלאנגט 25 רובל און געזאגט, איך זאל געבען דעם ווירט דירה-געלד דערווײל 15 רובל און 10 רובל זאל איך געבען אין שפײז געוועלביל. איך פרעג איהם פאטער, ווי האסטו גענומען דאס געלד; דו האסט פערדיענט?

— יא, ענטפערט ער מיר מיט אשמײכעל, און די אויגען זענען בײ איהם געוועזען פארגאסען ווי בײ א ווירקליכען שיכור, איך האב קײנמאל ניט געוואוינט געזעהן צו זעהן פון איהם, דען ער [illegible] גארניט [illegible] טרונקען קײן אלכאהאל. איך הויב איהם אהן צופארשטען, יואו ער איז געוועזען, און ווי אזוי ער האט פארדיענט? — איך האב געזעהן אז נאך מײנע 25 רובל וואס ער האט מיר געגעבען, איז בײ איהם אין טאש אויך געבליבען אנ׳ערך פון 30 רובל — הקיצור, ער האט מיר דערצעהלט, אז ער האט בעקומען א וואויל געשעפט, ער וועט קענען פארדיענען שעהן געלד... ומעשה שהיה כך היה: בעת ער איז גע-גאנגען אין דערפריה פון דאווענען, האט איהם בעגעגענט א בעקאנטער, וועלכער איז אמאל געוועזען בײ אונז אמשרת, זעהענדיג ווי מײן פאטער געהט זעהר פאר

זארגט

אַרגט, האָט ער געזאָגט צו אים: „גוט מאָרגען ר׳ שמואל! — וואָס געהט איהר אַזוי פֿערזאָרגט, די וועלט געהט שוין אונטער?!

— אוי ברודער, ס׳איז ניט גוט! — האָט איהם מײַן פֿאָטער געענטפֿערט — ס׳איז מיר ביטער אַז איך קען דיר גאָרניט אַזוי פֿיעל דערצעהלען.

— נו, קודם כל, קומט ר׳ שמואל אין רעסטאָראַן אַרײַן וועלין מיר מאַכען שנאַפּס אויף קוראַזש! ס׳וועט אײַך ניט קאָסטען קײַן פֿעניג, נאָכהער וועט איהר מיר מיטטהײַלען וועגין אײַער יעצטיגע לאַגע.

מײַן פֿאָטער איז מיט איהם אַרײַנגעגאַנגען, און יענער האָט געהײסען געבען אײנמאָל שנאַפּס און אַ צווײַטען מאָל, ביז מײַן פֿאָטער האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען דער קאָפּ, ווײַל ער איז דאָס קײנמאָל ניט געוואוינט געווען... ער האָט זיך מיט יענעם אַוועקגעזעצט בײַ אַ טישעל, אַ ביסעל אָברוהען, און דערבײַ יענעם דערצעהלט זײַן גאַנצע ביטערע לאַגע.

נעבען זײַ, בײַ אַ צווײַטען טישעל זענען געזעסען עטליכע מאַן און געשפּיעלט אין קאָרטען... מײַן פֿאָטער האָט זיך אַזוי פֿון דערווײַטענס צוגעקוקט ווי זײַ שפּיעלען און האָט זיך זעהר געוואונדערט, ווײַל ער האָט געזעהן, אַז אויפֿ׳ן טישעל איז געלעגען בײַ יעדען מאַן, אַ בערגיל געלד, גאָלד שטיקלעך, זילבערנע מטבעות און פּאַפּיערען געלד, מיט׳ן אומגעבליק האָט אײנער געווינען 100 מאַרק און דער צווײַטער פֿאַרשפּיעלט; אַמאָל האָט דער צווײַטער געכאַפּט אויף אײן קאָרט 200 מאַרק... מײַן פֿאָטער האָט דאָס ערשטע מאָל געזעהן דעם שפּיעל, און ער האָט געמײנט אַז וועמין די הצלחה שפּיעלט, קען מיט׳ן קוק רײַך ווערין... זעהענדיג ווי מײַן פֿאָטער וואונדערט זיך אַזוי האָבען זײַ איהם צוגערופֿען, און געזאָגט צו איהם: „פֿעטער וואָס וואונדערט איהר אײַך אַזוי? — קומט אַהער שפּיעלט מיט אונז עטליכע קעהנער, איהר קענט דאָ אומגעבליק פֿאַרדיענען אויף אַ וואָך פּרנסה...״

— איך קען דאָך אָבער ניט? — האָט ער זײַ געענטפֿערט.

— ס׳מאַכט ניט אויס, מיר וועלין אײַך מיט׳ן קוק אויסלערנען, ס׳איז קײַן גרויסע תורה ניט, קומט אַהער! — דערבײַ האָבען זײַ איהם אונטערגעריקט אַ שטיהל ער זאָל זיך זעצען נעבען זײַ.

מײַן פֿאָטער האָט זיך געלאָזט אײַנרעדען און איז צוגעגאַנגען צו זײַ, און זיך אַנידערגעזעצט. ראשית, האָבען זײַ געוואָלט רופֿען שנאַפּס, האָט מײַן פֿאָטער זיך ענטזאָגט דערפֿון, ערקלעהרענדיג זײַ, דאָס ער האָט שוין צווײַ מאָל געמאַכט שנאַפּס און מעהר קען ער ניט. דאָך האָט ער חאָטש צווײַ מאָל ביער געמוזט טרונקען מיט זײַ „לחיים״!... נאָכהער האָבען זײַ איהם געוויזען אײניגע מאָל ווי אַזוי דער שפּיעל געהט, און מײַן פֿאָטער האָט אַרויסגעלעגט פֿון קעשענע די עטליכע רובל וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך, אויפֿ׳ן טישעל, לויט די פֿאָדערונג פֿון קאָרטען-זאַקאָן, און גענומען שפּיעלען. אין פֿערלויף פֿון צווײַ שעה איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט 50 רובל געווינס. זײַ האָבען איהם געבעטען, ער זאָל צומאָרגענס ווײַטער קומען...

ווען מײַן פֿאָטער האָט געענדיגט זײַן ערצעהלונג, האָב איך מיך אָנגערופֿען: האָסטו געהערט טאַטושי, וואָס איך וועל דיר זאָגען, מיר געפֿעלט ניט דער גאַנצער מסחר מיט זײַערע גליקען, מיר שײַנט אַז דאָס מוז זײַן עפּעס אַ חברה זשוליקעס, וועלכע זוכען מענשען צו פֿאַנגען אין זײַער נעץ, זאָל דיר דער אויבערשטער צו שיקען בעסערע מסחרים, און מיט די לײַט זאָלסטו ניט אײַנגעהן, עס פּאַסט גאָרניט פֿאַר דיר דו זאָלסט זיך צו זײ באַהעפֿטען; אַזוי ווײַזט מיר מײַן קינדערישער שכל.

— וואָס רעדסטו מײַן קינד — האָט מײַן פֿאָטער געענטפֿערט — דאָ געהט ניט קײן שום שווינדעל, נאָר ווען די הצלחה שפּיעלט קען אומגליק רײַך ווערין, דען זעהסט דאָך אַז איך האָב אין פֿערלויף פֿון די צוויי שעה געווינען און פֿערשפּיעלט און ענדליך איז מיר דאָך געלונגען אַוועקצוגעהן מיט 50 רובל פֿאַרדיענסט! ווען זײ זאָלען מײנען מיך צו בעשווינדלען, וואָלטען זײ מיר באַלד בײַ די ערשטע עטליכע קענער, צוגענומען מײנע עטליכע רובל; נאָר פּשוט, מײַן הצלחה האָט געשפּיעלט האָבען זײ גאָרניט גיקענט מאַכען...

דעם צווײטען טאָג האָט זיך מײַן פֿאָטער מקדים געווען פֿריהער ווי נעכטין, און געלאָפֿען אין דעם זעלבען רעסטאָראַן. דאָרט האָט ער שוין געטראָפֿען זײַנע קאָמעראַדען וואַרטען אויף איהם. אַרײַנקומענדיג האָבען זײ איהם ערשטענס געהײַסען געבען שנאַפּס, אײנמאָל און אַ צווײטען מאָל, נאָכהער האָט מען זיך גענומען צום שפּיעל. אָבער לײדער האָט איהם דער צווײטער טאָג שוין ניט געשפּיעלט די הצלחה ווי דעם ערשטען טאָג. אין פֿערלויף פֿון עטליכע שטונדען האָט ער פֿאַרשפּיעלט די 30 רובל וועלכע זײַנען איהם געבליבען פֿון נעכטין, און האָט נאָך פֿאַרזעצט דאָס זײַגערל וועלכעס ער איז געגאַנגען אָנגעטהוען, פֿאַר 3 רובל און דאָס אויך פֿאַרשפּיעלט...

אַהײמקומענדיג איז ער נאָך דערצו געווען גוט פֿאַרקערעט, אַז ער האָט זיך געוואַקעלט ווי די עלטע שיכּורים, און ער האָט גענומען זוכען אין שטוב, עפּעס ווײַטער צו פֿאַרזעצען, אָדער פֿאַרקויפֿען. איך האָב געפּרובט רעדען אַ וואָרט, איז ער געוואָרען אַזוי אויפֿגערעגט אַז ער האָט מיך געוואָלט שלאָגען. קורץ. אין פֿערלויף פֿון עטליכע וואָכען האָט ער אויסגעלײדיגט די גאַנצע שטוב אַז ס׳איז אונז ניט געבליבען קײן העמד אויפֿ׳ן לײַב, און קײן קישען אויף וואָס דעם קאָפּ אַנידערצולעגען. איך האָב גענוג בעוויינט מײַנע יונגע יאָהרען, וואָס פֿון מײַן פֿאָטער איז געוואָרען, ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפֿען, ניט מיט קײן גוטען ניט מיט קײן בײזען, איך האָב גאָרניט געקענט רעדען מיט איהם ווײַל ער פֿלעגט שטענדיג אַהײם קומען אַזוי פֿער׳שכּור׳ט אַז ער האָט ניט געוואוסט. וואָס ס׳טהוט זיך מיט איהם און האָט נאָך געמאַכט גרויסע סקאַנדאַלען איך זאָל איהם געבען געלד. אַלע שכנים זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿען און ס׳איז ניט מעגליך געווען איבערצוטראָגען די שרעקליכע חרפּות ובזיונות.

די לעצטע סצענע איז שוין געווען די העכסטע אַקטאַווע צו מײַנע שמערצען. אויסער דעם וואָס איך מיט די איבריגע קינדער האָבען מיר אָבגע-

פֿאַסט גאַנצע טעג אָהן אַ שטיקעל ברויט, ווײַל מ'האט אונז שוין ניט געוואָלט באָרגען, אַז מ'האָט זיך דערוואוסט וואס פֿאר אַ לײַטישער מענש אונזער פֿאַטער איז געוואָרען — האט אונז דער הויז-ווירט אַרויסגעוואָרפֿען פֿון דער דירה, ווײַל ס'איז איהם שוין געקומען פאר אַ האלב יאָהר דירה-געלד. נעכטין בײַנאַכט האָב איך געזעהן אז איך ברויך שוין צונעכטיגען אויף דער גאַס, אונטער'ן בלויהען הימעל, און די קינדער וואַלגערן זיך אויפ'ן גאַס אום געעסען, און מײַן פאַטער ליגט אין רעסטאָראַן און שיכור'ט, ס'געהט איהם גאָרניט אָהן. דאַן האָב איך בעשלאָסען צו בײַגעהן אַ זעלבסט-מאָרד, קיין אַנדערן אויסוועג איז ניט געווען פֿאַר מיר..."

עזריאל לפידות איז די גאַנצע צײַט פֿון איהר דערצעהלונג, געזעסען און אויסגעהערט מיט גרויס נײַגעריקײַט, און ענדליך האָט ער זיך אָנגערופֿען: „זײַט רוהיג, אונגליקליכע פרײַלין! איהר וועט שוין מעהר קיין זעלכע לײַדען ניט אויסשטעהן; איהר וועט בײַ מיר פערבלײַבען און ס'וועט אײַך גאָרניט פֿעהלען, און ענדליך, פֿערהאָף איך, אַז איהר וועט בײַ מיר אײַער געוואונשטען גליק ערווערבען... איך וואָלט גרײַט געווען אײַער פאַטער אויך מיט אַ היבשע סומע צו באַגליקען; נאָר לויט איך הער פֿון אײַך, קען איהם די רײַכטהום יעצט נאָך מעהר אומגליק פערשאַפֿען; אַלזאָ איז פֿאר איהם פֿאָרלײַפיג דער בעסטער מיטעל די נויט; ווען ער וועט ניט האבען וואס צו פֿאר טרונקען און פֿאַרשפּיעלען, דאַן קאָן ער זיך גיכער ענדליך אויסניכטערן און קומען צום ריכטיגען זינען. פֿאַר-לײַפיג מוזען מיר איהם לאָזען אין דער יעצטיגער לאַגע און מיט דער צײַט וועלען מיר זעהן וואָס מיר האָבען צוטהוען.

• • •

ס'איז געווען 12 אַ זײַגער בײַנאַכט; די שעהנע, רוישענדיגע גאַסען פֿון דער שטאָדט באַזעל, זענען שוין געווען כמעט ווי אָבגעלײַדיגט, פֿון איהרע פיעל שפּאַצירענדע מאַסען. דער טעגליכער טומעל און געריש, איז געווען ווי אײַנגעדרימעלט. צײַטענווײַז האט מען גיקענט בעגעגענען ענצעלע פערזאָנען אָדער פּאָרלעך, געהן אויף פערשידענע פערוווײַלונגען, אדער פֿון די קאַבאַרעטען און „לעב-הײַזלעך"; איבערהויפּט האט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקײַט אויף די פיעל לויפענדע עקיפּאַזשען, פֿאָוואוסען, קאַרעטעס און דראָשקעס, וועלכע האבען זיך געצויגען ווי אַ לאַנגע קײַט, גלײַך איבער דער בריק פֿון דאָרטיגען טײַך, ביז אַ ווײַטע שטרעקע אונטער דער שטאָדט.

דאָרטען אין אַ פּרעכטיגען גרויסען זאַל, בײַ'ם „קעניג פֿון רײַכטהום", ליאָרד לפידות, האבען זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער פּובליקום, פֿון די סאַמע העכסטע קלאַסען מענשען: די גרעסטע סוחרים, מיליאָנערין, ליאָרדען און מאַר-קיזען. אין דרויסען פאר דעם פּאלאַץ, האט זיך יעדר ווײַלע געהערט צופֿאָהרען, אַ קאַרעטע מיט נײַע געסט, מענער און פרויען, און דער שווײַצאַר וועלכער איז

געשטאנען ביי דער טהיר, צו האלטען דעם ארדנונג, האט מאמענטאל אריינגעבראכט די וויזיט-קארטע פון די אנגעקומענע געסט. און ליארד לפידות איז מיט גרויס אויפרעגונג אנטקעגען געגאנגען די געמאלדענע פערזאנען און מיט יעדען זיך העפטליך געגריסט און מיט מאנכע געקישט. דער בירגמייסטער פון שטאדט, מיט נאך פיעל אנגעזעהענע נאטשאלסטווא, זענען אויך געקומען אויף דער גרויסער האכציים פון דעם ליארד לפידות מיט דעם געדעמטען מעדעל פון זעלבסט-מארד; עס ענטרעסירט זיי אויך דער גוטהערציגער מיליאנער מיט זיינע גוטע זיטען, וועלכער לאזט זיך הערין אין דעם גאנצען געגענט מיט זיינע פיעל גוטס וועלכעס ער טהוט צו יעדען נויטבעדערפיגען אהן אנ'אונטערשיעד פון נאציאן.

דער גרויסער זאל פון די געסט אויפנאהם, איז בעלויכטען מיט עלעקטריא, אין אלע ווינקלען פון זאל, שטעהן טישען סערווירט מיט די בעסטע מאכלים און געטראנקען. פערשידענע פרוכטען און קאנפעקטין. שאמפאנער ווייען און אימאליענער קאניאק, ביי יעדען טיש זיצען אנדערע סארטען מענשען פון פערשידענע קרייזען. ביי איין טיש זיצען בלויז סוחרים און משרתים. מיר ווילען צוגעהן אויף א ווייל‌ע זיך איינהערין אין זייער געשפרעך וועלכער ווערט געפיהרט צווישען זיי:

— מיר שיינט דאס אלע געוואונשטע פערזאנען זענען שוין פערהאן — זאגט איינער צום צווייטען — טא וואס-זשע מאכט מען נים די חופה?

— דאס ווארט מען אויף דעם מחותן. — ענטפערט דער צווייטער — דער פאטער פון דער ברויטע איז נאך ניטא; וואס פון א מענש קען ווערין, מיט 5 יאהר צוריק איז ער געווען דער גרעסטער קויפמאן אין באזעל, ד. ה. ער איז פון די חסידישע קרייזען, געזעסען שטענדיג און געלערנט, און זיין פרוי מיט די קונפטיגע ליארדען האבען געפיהרט דאס געשעפט, און געשטאנען אין גרויס קרעדיט, און מיט א מאל צייט די מוטער איז אפגעשטארבען איז געווארען א תל פון אלעס, ליקווידירט דאס געשעפט און געווארען אנ'ארימאן און דערצו אריינגעפאלען אין אזא שענדליכען שארלאטאניזים, אז ס'איז צו בעוואונדערין צו וואס די נויט קען אלין ברענגען; פון גרויס קימערונג איז ער די לעצטע צייט געווארען א קארטען שפיעלער און א גרויסער שיכור, אז די לעצטע אקטאווע האט געבראכט דערצו, אז די טאכטער האט געוואלט בייגעהן א זעלבסט-מארד ד. ה. זי האט זיך געוואלט טרונקען. און דער צופאל האט דער טאכטער דאס גרעסטע גליק געבראכט, דאס דער ליארד לפידות האט זי אבגעראטעוועט, און פאר זיך, פאר א פרוי בעשטימט.

— ס'איז וואונדערבאר! — און ווי אזוי האט דער ליארד אין אזא לאגע איהם געקענט פאר א פאטער אנערקענען, ס'איז דאך פאר איהם די גרעסטע שאנדע?

— מ'זאגט אז די לעצטע צייט איז ער שוין גאר פארענדערט געווארען, דען זא ווי די טאכטער איז איהם פון פערשווינדען געווארען און ער איז

געבליבן

געבליבען ווי א נעץ אין דער בלאטע, האבען שוין זיינע אייגענע קאמעראדען, וועלכע האבען איהם צו דעם גאנצען אומגליק געבראכט — אויף איהם מיטלייד בעקומען, און געגעבען איהם עטוואס שטיצע א וואויהנונג צו דינגען, און זעהענדיג דאס זיי האבען שוין ביי איהם די לעצטע פערמעגין ברויבט, האבען זיי איהם צורוה געלאזט, דאן האט ער זיך הערש פון זיין שיכורות אויסגעניכטערט, און דערוואוסענדיג זיך א וואו זיין טאכטער געפינט זיך, און אזא רייך הויז, האט ער זיך געווענדעט צו איהר נאך הילף און צוגעזאגט, פון יעצט אהן זיך צו שוינען און מעהר איהר קיין ליידען נים צו פערשאפען, און דער ליארד לפידות האט איהם שוין א היבשע סומע געשיקט...

די טהיר האט זיך געעפענט און דער שווייצאר איז אריין, באמעלדענדיג דאס דער פאטער פון דער ליארדען איז געקומען! אין זאאל איז געווארען א גרויס גערודער און ס'האבען זיך אלאז געטהוען די חתן־כלה מיט נאך איינינע נאהנטע פערזאנען, צו דער טהיר אנטקעגען דעם אלטען פאטער.

„טייערער פאטער!” — האט קוים די טאכטער אויסגעשריהען, און גלייך דעם אלטען אין די ארעמס געפאלען און געגומען קישען איהם מיט גרוים געוויין. די קוויטשעריי מיט די געוויינען און די פריידען האבען זיך צוזאמענגעקליבען און ס'איז געווארען א מיש-מאש פון פערשיעדענע קולות. — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מ'האט געפייערט די האכצייט מיט גרוים פרייד, ס'איז איבריג צו בעשרייבען די גרויסע פערגעניגענס, וועלכע די האכצייט האט די פערזאמעלטע פערשאפט, דען דאס קען זיך דער לעזער זעלבסט פארשטעלען, אז די טהייערע מאכלים, די בעסטע וויינען, די שעהנסטע מוזיקע מיט די קאמישע פארשטעלונגען, האט דארט נים געפעהלט, און די געסט האבען זיך געוויילט ביז אין טאג־אריין; דער עיקר איז צו בעדויערען, וואס דאס פאר-פאלק האבען נאך דער פרייליכער האכצייט, נאר איינינע דורכלויפענדע יאהרען, גליקליך געלעבט, און מיט אמאל איז געשען א שרעקליך פאסירונג, וועלכעס האט זיי ביידע, אויף אקורצע צייט זייער גליקליך לעבען צושטערט און דערצו גרויסע ליידען פערשאפט. נאר ענדליך האט די גליקליכע צוקונפט די באטריגער בעזיגט, און די פאלשע באטריגער האבען זייער ווערדע פערדיענט.

דאס איז געווען, בעת דער ליארד לפידות האט געברויכט צו פאהרען זיך אנטווערפען, וועגין זיין מסחר פון טהייערע דימאנטען און בריליאנטען, האט ער זיך געזעגענט מיט זיין ליבע פרוי און 2 טהייערע קינדערלעך וועלכע זי האט איהם שוין דאן געהאט געבוירען, און אנגעזאגט דער פרוי, אז אין זיין שפאציער גארטען אין וועלכען סיגעפינט זיך די „שאץ-קאמער”, זאל קיינעם נים ערלויבט ווערין אריינצוגעהן, און זי זאל דאס זעהן שטרענג צו היטען, דען אין דעם איז אבהענגינג זייער גאנץ לעבען און גליק.

מיט גענומען האט ער מיט זיך אויך א היבשע סומע אין א ניערך פון 100,000 רובל, וועלכעס ער האט געברויכט צום האנדעל, ווי אויך זיין געטרייען

געטרייען בוכהאלטער ה' קירש, אהן וועלכען ער איז קיין טריט ניט געגאנגען אז ער זאל ניט זיין, דער בעגלייטער, און וועלכער איז דעם לעזער אויך א ביסעל בעקאנט. אין יענע צייטען איז דאך בעוואוסט אז קיין באהן און קיין פאסט האט נאך דאן ניט עקזיסטירט. אלזא האט מען געשפאנט דעם טייערען פאוואס מיט פיער 500 רובלדיגע פערדלעך. מיט גענומען פערשידענע עסענס און מהיירע וויינען, אלעס נויטיגעס און געפאהרען.

אויפ'ן וועג, קומענדיג אין אטיעפען גידעכטען וואלד אריין, האט זיך ליארד לפידות אנגערופען צו זיין בעגלייטער, ה' קירש: פיליכט וואלטען מיר זיך דא געמאכט אסטאנאוקע? — וויל די פערד דארפען פאשע, נאך אזא וויי-טע שטרעקע גאנג, און מיר זעלבסט זענען אויך מיעד, און מיר האבען נאך אנ'ערך פון 60 וויארסט ביז צו דער נאהנסטער שטאדט, און אויסער דעם אלעם דינענט אונז דא די לופט זייער זעלטען, אלזא וועלין מיר זיך דא אבשטעלען אויף עטליכע שטונדען.

— איך בין אויך ניט דאגעגין — האט ה' קירש געענטפערט, דען מיר חלשת שאקי אויך דאס הארץ און ס'דארף גלאט עפעס נעהמען אין מויל אריין.

דער פורמאן האט אויסגעשפאנט די פערד און געגעבען זיי עסען, נאכהער האט מען אויסגעשפרייט אגרויסען דיוואן און אלע דריי האבען זיך אוועק גיזעצט, און זיך גוט אונטערגעלענט מיט גוטע עסענס און ס'האט צו גע-טרונקען עטליכע פלעשער גוטען וויין, און ליארד לפידות איז שרעקליך מיעד גע-ווארען און געזאגט: „איך מוז מיך צולעהנען אויף אשעה־צוויי, און איהר וועט דא אכטונג געבען אויף דער קארעטע מיט די פערד און איבערהויפט אויף דעם קעסטעלע דימאנטען און בריליאנטען וועלכעס שטעהט אין דער קארעטע אין אווערדע פון 150,000 פראנק!"

אין 15 מינוט ארום איז שוין לפידות געשלאפען גאנץ געשמאק אין א זיסען שלאף. ביי דעם געלעגענהייט, האט זיך צווישען די פערבליבענע גע-טרייע דינער, געפיהרט פאלגענדער געשפרעך:

— דו ווייסט הענריך — האט דער בוכהאלטער ה' קירש געזאגט צום פורמאן — אז יעצט איז דער גינסטיגער מאמענט, מיר זאלען ערווערבען אונזער גליק... אז מיר וועלען איהם יעצט ערמארדען וועט קיין האן ניט קרייען נאך איהם, מיר וועלין איהם דא איבערלאזען וועט ער זיין אנגעשמאקער ביסען פאר די ווילדע חיות פון וואלד, און מיר וועלין זיך פערנעמען דעם גאנצען פארמעגין און גלייך איבערפעקלען קיין לאנדאן אין אונזער געבירטס שטאדט, און דארטען וועלין מיר לעבען אטאג... וואס דען אז מיר וועלין ביי איהם דיהנען נאך 20 יאהר וועלין מיר אויך אזא רייכטהום ניט ערווערבען; נאר פארגעס ניט ברודער אז מיר טארען ניט לאנג קלערין, וויל יעדער מינוט איז יעצט טייער, מיר האבען נאך אשפאר שטיקעל ארבייט אידער מיר וועלען ביי איהם דעם מאש מיט די טויזענדער ארויסציהען, דעם גאלדענעם זייגער מיט דער קייט, און דעם בריליאנטענעם רינג וואס ער טראגט אויף זיך איז אויך ווערט אהיבשע מטבע

מיר שיינט אז מיר קענען אין ענגלאנד באקומען פאר דעם בלויזען רינג א 100 פינט שטערלינג; וואס דען איך וועל איהם איבערלאזען ער זאל האבען אויף הוצאות א היים צוקומען?..

— וואס רעדסטו קירש? — איך קען אזא מערדערישען שריט ביי קיין פאל ניט בייגעהן; אזא בארעמהארציגען מענש וועלכער האט ביי זיין לעבען קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהוען; נאר פארקעהרט יעדען די מעגליכסטע טובות געטהוען, זאל איך אזא אומשולדיג בלוט פארגיסען? — ניין, מיין הארץ לאזט מיך ניט דאס טהוען! דו מוזט וויסען אז מיר ערמארדען נעבען איהם נאך פיעל הונדערטער מענשען וועלכע געניסען פון זיין גוטס.

עה הענריך!! דו רעדסט דאך עפעס ווי אנ'עכטער יאלד; דו פער-געסט אז דו האסט אויף דיין חלק העכער ווי 200,000 פראנק! און ביי א זעלכע געלעגענהייטען שטעלט מען ניט קיין "יראת-שמים" פנים מיט קיין ערבארימקייטען יעדער מענש ברויכט זיך פריהער צו בעזארגען... בפרט אז אויב מיר זאלען וועלין איהם לאזען לעבען, און ער וועט צו-הויזע קומען, וועט זיך דער שאדען ביי איהם אנזעהן ווי איין טראפען פון ים, וועדלוג זיין אונגעהויער'ן רייכ-טהום וועלכען ער בעזיצט; איך וועל דיר דאס צוליעב טהוען, אז מיר זא־ען איהם ניט ערמארדען, נאר צונעהמען ביי איהם דאס פארמעגין און איבערלאזען איהם דא אין וואלד, זאל ער דערוויל א ביסעל ארומוואנדער'ן איידער ער וועט אוספיעאין אהיים צו קומען, וועלען מיר דערווייל גענוג צייט האבען זיך צו בעקלערין, ווי אזוי זיך צו בעפעסטיגען אז דער פויגעל זאל אונז ניט קאנען אויפזוכען...

— גאנץ ריכטיג — האט הענריך געע־־ע־ — אויף דעם פלאן בין איך גרייט איינצוגעהן, אויב ניט צו ערמארדען איהם; נאר זאג מיר חכם מיינער, ווי אזוי קען איך דאס חאפען דאס פעקיל און אנטלויפען? — דאס איז ריכטיג דו, וואס דו ביזט א פרייער פויגעל, אהן א פרוי, אהן קינדער, קענסטו מיט איהם מאכען א "בואי בשלום", היינט ביסטו אין לאנדאן, מארגען אין ניו-יארק און שפעטער אין ארגאנטינא, אדער איך, פארגעס ניט אז איך בין א סומיענע מענש, איך האב דארט איבערגעלאזט א פרוי מיט קינדער קען איך דאך זיי ניט איבערלאזען אויפן ווינד, זיי זאלען ניט וויסען וואו איך בין ערגיץ פערפאלען געווארען, און אז איך וועל זיי נאכהער וועלין ארויסציהען קיין לאנדאן וועט מען זיך דאך דערוויסען פון דער גאנצער געשיכטע?

— אוי דו פרייער! — האט קירש געענטפערט מיט א טיראניש גילעכ-טער — דו האסט מורא מ'זאל דיר דיין דלות ניט ארעסטירען... איבריגעס, שא איך האב שוין א גוטע עצה: "איך וועל תיכף מאכען א ויברח קיין לאנדאן, און דיך וועל איך מיט דער קארעטע צופיהרען ביז אין דער נאהנסטער שטאדט, און פון דארט קענסטו אויף דיין הוצאות, צוריק קיין באזעל, און דארט דערצעהלען אז אין דעם וואלד זענען אונז בעפאלען רויבערס, און נאכדעם ווי זיי האבען דיך רעוויזירט און קיין געלד ניט געפונען, האבען זיי דיך פריי געלאזט און

מיט אונז ווייסט דו ניט וואס ס'איז געווא־ען, צי ס'האט אונז ערטא־רעט, צי פריי געלאזט? ווייל דו ביסט קיין מיטל לעבען אנטלאפען. דאס וועט זיין א גאנץ ריכטיגער פארענטפער. און איידער ער יוצא זיך דערשלעפען א היים אהין א פעניג אין טאש, וועסט דו דאך מעהר קיין שום־באשעפטיגונג דארט ניט האבען, דאן וועסט דו גאנץ פריי, קענען נעהמען דיין פעקיל און געהן, און דאן וועלין מיר זיך טרעפען אין לאנדאן.

אויבגעא־בען דעם פלאן, האט מען זיך גענומען צו דער ארבייט: ארויסגעצויגען דעם טאש מיט'ן געלד, אראבגענומען דעם ווייגער מיט דער קייט און דעם ברילי־אנטענעם רינג אויך אראבגעצויגען, און אפילו זיין אבער־מאנטעל מיט די איבריגע מלבושים וואס ער האט זיך מיט גענומען אויפ'ן וועג, האבען זיי אויך פערנומען, און שנעל געשפאנט די פערד און געמאכט פליטה.

דער בערויבטער לפידות איז זיך גאנץ געשמאק געשלאפען ווי א דערשלאגענער, און ניט אנגעהויבען צו שפירען די סינדעסטע זאך. מיר מוזען איהם דערוויייל לאזען שלאפען, און מיר וועלען זעהן וואס דער ווילדער מיראן, קיריש, האט ווייטער געטהוען. צוגעפיהרט דעם פוהרמאן העגריך ביז צו דער נאהנסטער שטאדט, האט ער איהם אוועקגעגעבען זיין חלק פון זאק־רויב און זיי האבען זיך צושייד. העגריך האט געזאלט פאהרען נאך באזעל און קיריש נאך לאנדאן.

העגריך איז טאקי אנגעקומען מיט פערחיינטע אויגען, קיין באזעל, און איבערגעגעבען די שרעקליכע נאכריכט. ס'איז געווארען א גרויסע בהלה, מ'האט באלד בעטאלדען דער פאליציי, און די פאליציי האט מאמענטאל צושיקט געהיים־אגענטען אויף אלע וועגין פון דעם אנגעוויזענעם וואלד. לויט ווי העגריך האט געזאגט — זוכען די מערדער אדער די אונגליקליכע געפאנגענע, אין דער היים ביי לפידות'ן האט מען געוויינט און געקלאגט, די אונגליקליכע פרוי האט זיך שיעור ניט דאס לעבען גענומען, פערמדע מענשען האט דאס געשעהעניש אויך שטארק אינטערעסירט, מ'האט געשריבען אויף די צייטונגען, און א גאנצטיגער טאג, מ'האט קיין שום שפארען ניט געפונען. די פאליציי אומקעהרענדיג זיך אהן ערפאלג, האט זאגאר געפרובט מאכען אנ'אביסקע ביי העגריך'ען אין דער היים, נאר העגריך האט דאס בערויבטע געלד נאך פריהער געהאט בעגראבען ערגיץ אין א גוט ארט, וועלכעס זיין אייגענע פרוי האט אויך פון דער גאנצער געשיכטע ניט געוויסט. און ביי דער אויספארשונג האט העגריך זיך געהאלטען ביי איינס אזוי ווי ער האט געזאגט די ערשטע מינוט פון זיין קומען. אויף דער פראגע פון די געהיים־אגענטען, צי ער וואלט דערקענט די באנדיטען ווען מ'זאל זיי איהם מייזען? — האט ער געענטפערט: אז אפילו שלאפענדיגערהייט וואלט ער זיי אויך דערקענט. דאן האט מען איהם אויפגעטישט עטליכע אלבאמים מיט פאטאגראפיען פון פערשידענע בעוואוסטע באנדיטען און גנבים, אבער ער האט קיין שום ענדליכעס צווישען זיי ניט געפונען... און דעריבער זעהענדיג אז ער איז אהיים געקומען דער זעלבער קבצן ווי פריהער, האט מען אויף איהם קיין שום חשד ניט געקענט ווארפען און מ'האט איהם בעפרייט.

קירש דער בלוט ווינער, האט זיך נאך ניט בעגנגענט מיט דעם קליי־נעם זאק־רויב, און אבפאהרענדיג עטליכע שטעדט צו לאנדאן, האט ער זיך איבערגעקלעהרט, וואס ער האט דא געטהון, מיט דעם וואס ער האט לפידות'ן גלאט לעבען, וועט ער דאך סוף־כל־סוף א מאהל אהיים קומען צו זיין גרויסען רייכטהום, און דער שאדען וועט איהם גארניט קימערין, און מיט דעם נח פון זיין רייכטהום קען ער איהם ענדליך אויפזוכען און פון איהם נקמה נעהמען; נייז! איך מוז איהם אין גאנצען פארניכטען, אז ער זאל האבען מיט זיך צוטהוען א שטיקעל ברויט צו זוכען, דאן וועט ער אין מיר פארגעסען.

באלד איז איהם איינגעפאלען א נייע טייוולאנישע המצאה, און ער האט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין באזעל, ער האט זיך אנגענריים א שטארקען אויפרייס מאטעריאל מיט דינאמיט און אנקומענדיג שפעט ביינאכט צו לפידות'ס פאלאץ, האט ער אונטערגעלעגט דעם אופרייס־מאטעריאל, און מיט א מאל איז דער גאנצער פאלאץ ארומגענומען געווארען אין אפלאם פייער, אז מ'האט קוים אוספיעאיט די נפשות ארויסצוראטעווען. אין דערציים ווען אלע איינוואוינערס זיינען גיוען פערנומען צו רעטטען די נפשות, האט זיך דער אויסווארף קירש, ארומגעדרעהט אין לפידות'ס שפאציער גארטען, און זיך געמאטערט צו געפינען די „שאץ־קאמער" צו בערויבען די איבריגע פארמעגין כדי דערמיט דעם גוטהער־ציגען עזריאל לפידות, אין גאנצען צו פערניכטען.

„יושב בשמים ישחק למו" — האט דוד המלך ע"ה געזאגט אין (תהלים ב') ד. ה. אז דער מענש טראכט און דער אויבערשטער לאכט. וואס מעהר דער טיראן האט זיך געמאטערט צו בעווארנען זיך אין אלע פאכען, איז איהם דאך זיינע אלע פלענער צושטערט געווארען, וויל דער סעקרעט פון דער שאץ־קאמער איז געווען אזוי קינצליך פערבארגען, אז ער האט איהם ביי קיין פאל ניט געקאנט געפונען. און זעהענדיג אז ווייטער דא זיך אויפצוהאלטען איז פאר איהם גיפעהר־ליך, האט ער בעשלאסען באלד ביינאכט צו מאכען א ויברח קיין לאנדא. ארויס־געהענדיג פון גארטען האט איהם בעגעגענט זיין שותף העגריך ווילכער האט גערעטעוועט זיין סומעיסטווא. קירש האט איהם מעהר ניט אוספיעאיט צו זאגען ווי די עטליכע ווערטער אז דאס שטיקעל פון דער שרפה האט ער אבגעארביים וועלענדיג צו פערניכטען לפידות'ן ביזין גרונד, און צו בעקומען די שאץ־קאמער, נאר לייעדער האט זיך איהם דאס ניט איינגעגעבען, און אדיע. איך פאהר נאך לאנדאן, דארט וועלין מיר זיך טרעפען, און בעטראכטען די לאגע וואס מיר האבען ווייטער צוטהוען.

אין דערפריה ווען די אומגליקליכע פרוי לפידות איז געגאנגען זוכען איהר לעצטען האפנונג, די שאץ־קאמער. האט זי מעהר ניט געפונען ווי אבער־גיל יש מיט אבגעבר־ענטע געהילין: זי האט געיאמערט און געקלאגט, און קיי־נעם ניט דערצעהלט פון דער „שאץ־קאמער", נאר אין הארצען האט זיך איהר נעשווידמעט אהאפנונג, אז איהר מאן מוז דאך לעבען, וועהרענד מ'האט איהם ניט געפונען קיין ערמארדעטען דארט אין וואלד וואו דער פוהרמאן העגריך האט


אנגעהויבן

אנגעוויזען, איז דאך אבעוואוסט אז ער איז געראטעוועט געווארען פון די מערדערישע הענד, נאכדעם ווי זיי האבען זיין פארמעגען בערויבט. דאס ארט פונ'ם גארטען מיט'ן פאלאץ, איז דערווייל פערצווימט געווארען מיט א הילצערנע וואנד, און ס'האט זיך געפונען אמאטארען וועלכע האבען געוואלט דעם לערעגין פלאץ, ביי דער פרוי אבקויפען; נאר זי האט ביי קיין פאל ניט געוואלט פערקויפען, און געהאפט אז איהר גוטהערציגער אונגליקליכער מאן, וועט מיט דערצייט צו-הויזע קומען זי איז מיט די קינדער צום פאטער צוריק געגאנגען.

יעצט וועלין מיר זיך אומקעהרען און זעהן וואס מיט עוזריאל לפידות איז געווארען: ווען ער האט זיך פון שלאף ערוואכט, איז שוין געוועהן פאר נאכט, די צייט פון די זון אונטערגאנג. אומקוקענדיג זיך אין וואס פאר א לאגע ער געפינדעט זיך, האט זיך איהם געדוכט אז אין איינעם מיט דער זון איז זיין גאנץ גליק און האפנונג אונטערגעגאנגען. מ'האט בערויבט זיין פערמעגין, אהן א מלבוש, קיין קאפיקע אין טאש, ער איז עלענד און אונגליקליך אין וויסטען וואלד. אה, גענעדיגער באשעפער! צי האב איך דאס פערדיענט פאר מיין פיעל גוט'ס און צדקה וואס איך האב געטהוען? ביי דיר איז דאך די גירעכטיגקייט; צי וועסטו ניט זוכען מיין נקמה אין די פאלטשע בעטריגער וועלכע זענען קעגען מיר אזוי מערדערליך בעגאנגען?

— שטעה אויף און זוך אויף דיינע באטריגער, און די וועסט ענדליך דיין גליק צוריק קומען! — האט זיך איהם געדוכט, ווי די הויכע גידעכטע בוימער פון וואלד וואלטען איהם דעם ענטפער געגעבען, און ער האט בעשלאסען זיך צו לאזען געהן ביז לאנדאן, וויסענדיג דאס זיינע באטריגער שטאמען פון לאנדאן, און אז דאס האט איהם קיין אנדער ניט געטהוען נאר זיינע אייגענע געטרייע דינער... מיט די לעצטע קרעפטען האט ער זיך קוים דערשלעפט ביז אין דער נאהנסטער שטאדט. אריינקומענדיג אין שטאדט האט ער דערשפירט אז דער הונגער האט איהם אנגעפאנגען שטארק צו פייניגען. ער האט געזוכט ביי זיך פיליייכט וועט ער געפונען עטליכע פראנק ער זאל האבען מיט וואס די נשמה צו דערהאלטען; ליידער האט ער אבער קיין אין פעניג ניט געפונען ביי זיך. צו זיין גליק האט ער געהאט ביי זיך דעם טייערין דיוואן מיט א קישעלע אויף וועלכע ער איז געבליבען שלאפען אין וואלד, ווארשיינליך וועיל די מערדער האבען דאס ניט גיקענט א פערנעמען. ער האט דאס באלד פערקויפט און בעקומען דערפאר 75 פראנק און דער פאר האט ער געהאט א ביסעל אויף לעבענסמיטעל און דאס איבריגע אויף הוצאות. דער קליינער קאפיטאל האט איהם אבער ניט גיקענט בענוגענען אויף עססען, נאכט-לעגער און רייזע־קאסטען, אלזא אז דאס געלד איז איהם אויסגעגאנגען, האט ער געמוזט איינפאך, געהן צו-פיס פון שטאדט־צו־שטאדט און בעהטען נדבות. ער האט זיך זאגאר פערטרויערט אומעטהום וואו ער איז געקומען, אז ער האט אין דער היים א גרויס פערמעגין, נאר ס'האט זיך איהם געטראפען א מילעהר אויפ'ן וועג, דאס מ'האט איהם בערויבט א גרויסען קאפיטאל; נאר ווער האט איהם געוואלט גלויבען...

מאנכעס מאל בעת ער האט אקרים פנים געמאכט פאר א מענשען, א
איהם אויסגעקומען צו הערין פאלגענדען ענטפער: „נו יא, מ'הייכט שוין אז אל
בכבוד'טע שנארערס האבען שוין איטוועדער זיין אויסגעלערנטען שפיעל...
מ'קען זיך פארשטעלען ווי גוט ס'איז איהם געווען אויפ'ן הארצען צו הערין א
וועלכע רעד, און דאך האט ער געהאט אין זיך גענוג מוט און ענערגיע אויפצו
וכען זיינע באטריגער, און פון זיי נקמה צו נעהמען. ער האט אזוי געוואנדערט
פון שטאדט-צו-שטאדט און די איינינע מלבושים וואס ער האט אויף זיך געטרא
גען זענען אויך פון איהם אבגעריסען געווארען און ער איז גוט פערשווארצט
געווארען ביז ער איז אנגעקומען קיין לאנדאן, אז ער האט אויסגעזעהן ווי די
אמת'ע בעטלערס וועלכע געהן איבער די טהירען.

אנקומענדיג אין דער רעזענדיגער שטאדט לאנדאן, האט ער ארומגע
בלאנדקעט ווי א זינדיגע נשמה איבער די טהירען בעהטען נרבות. ער האט
געשריהען „אני שלמה!" און די גאסען-קינדער האבען איהם נאך געיאגט און גערופען
„דער משוגע'נער מיליאנער"! פחמת ער האט נאר שטענדיג געטרוימט פון מיליא
נען וועלכע ער האט אין דערהיים... דעריבער האבען איהם אפילו פערשטענדי
גע מענשען אויך געהאלטען פאר א צודולטען.

ויהי היום, האט זיך ר' עזריאל לפידות פערבלאנדזשעט אין א שטוב
נאך א נדבה, און האט דערקענט דעם בעל-הבית אז דאס איז ניט קיין אנדערער
פאר זיין איינענער געוועזענער פוהרמאן, העניך!..

ווי פון א דונער דערשלאגען, איז העניך געבליבען זיצען. א ביסעל
האט איהם דאס רחמנות איבערגענומען, דערזעהענדיג זיין געוועזענעם גוטהערציג
הער, אין אזא שרעקליכע לאגע; און א ביסעל האט ער מורא בעקומען אז ד
איז ער שוין אין פעקיל... פון גרויס איבעראשונג און פערלעגענהייט, איז ער צ
געלאפען צו לפידות'ן און געפאלען איהם צו די פיס און געבעטען פערציי
הונג. פון דערביי איהם דערצעהלט די גאנצע פערגאנגענהייט: אז יענער, קירש האט
איהם געוואלט ערמארדען, נאר א דאנק זיין רחמנות, האט ער איהם מציל געווע
ן פון טוידט, און אז אין דער בערויבונג איז ער אויך ניט שולדיג, נאר קירש
האט איהם גענויט דערצו, און ער האט זיך ניט געקאנט וועהרען נעגען איהם
און געגען די תאוה פון געלד, פאר א בעוויז אז קירש איז דער גאנצער חייב,
ניט ער — האט ער צוגעגעבען דעם פאקט, אז קירש האט איהם געזאגט אז ער
פאהרט גלייך קיין לאנדאן, צום סוף האט ער איהם געפאקט בעת דער שרפה
ארויסגעהענדיג פון שפאציער גארטען, און דערביי האט איהם קירש דערצעהלט
אז ער אליין האט פארברענט דעם פאלאץ, וועלענדיג צו בערויבען די „שאנ
קאמער"; נאר דער לעצטער פלאן האט זיך איהם ניט איינגעגעבען, און יעצט
איז ער גרייט אליין צו זיין איהם בעהילפיג, צו נעהמען נקמה פון קירש'ן, און
אויב ער וועט אנערקענען אז ער איז אויך שולדיג, גיט ער זיך איבער צו איהם,
ער זאל מיט איהם טהוען וואס ער וויל אליין.

די בערויבטע סומע וועלכע ער האט גענומען אויף זײַן חלק, אַלעס אָבגעװײַזן אַז ער בעדויערט דעם פֿערברעך וואָס ער איז בעגאַנגען, און דערמיט זאָל ער האָבען די מעגליכקייט צו נעהמען נקמה פֿון קירש'ן און אויף הוצאות אַהיים צו־קומען. הענריך האָט איהם באַלד אַ וועקגעגעבען וויפֿיעל ער האָט געהאט און עטליכע הונדערט פֿראַנק וועלכע האָבען איהם שוין געפֿעהלט האָט ער איהם צו געזאָגט אָפּצוגעבען. לפידות האָט בײַ איהם גענומען דעם אַדרעס פֿון קירש'ענס וואוינונג, און בײַ זיך פֿערשריבען דעם אדרעס פֿון הענריך'ען אויך, און דערבײַ איהם פֿערזאָגט, אַז אין פֿאַל ווען ער וועט איהם ברויכען, זאָל ער זיך צושטעלען פֿאַר אַן עדות און זאָגען אלעס וואָס ער האָט איהם דערצעהלט.

דעם זעלבען אָבענד איז שוין געשטאַנען פֿאַר קירש'ענס וואוינונג צוויי געהײַם־אַגענטען וועלכע האָבען איהם נאָך געשפּיאָנירט און געהיטען אויף יעדער טריט וואו ער האָט זיך געריהרט. לפידות האָט זיך געלאָזט געהן — אין די זעלבע אָבגעריסענע קלײדער וואָס פֿריהער (אויבוואָהל ער האָט שוין געהאט אויף נײַע צו קויפען) — גלײַך אַרויף צו קירשען אין וואוינונג.

אַרײַנקומענדיג האָבען איהם די דינערשאַפֿט געפֿרעגט, וואָס ער פֿערלאַנגט? לפידות האָט געענטפֿערט אַז ער ברויכט דעם הערען קירש אַלײן, מיט איהם צו רעדען וועגען אַ וויכטיגען ענין... ווען דער דינער איז אַרײַן אין צווייטען צימער קירש'ן צו בעמעלדען וועגען דעם גאַסט, האָט זיך לפידות אויך אַשטיפּ אַרײַן געטהון, און איז אַרײַן גלײַך מיט'ן בעדינער. טרעפֿענדיג קירש'ן זיצען בײַ'ם טיש מיט אַ געזעלשאַפֿט פֿון מענער און פֿרויען און שפּיעלען אין קאָרטען — האָט לפידות געזאָגט מיט אַ שמײכעל — „גוט אָבענד קירש!"

וועהרענד דער ערשטער, הענריך, איז אַזוי שטאַרק איבעראַשט געוואָרען בײַ דער ערשטער באַגעגעניש — איז קירש מיט זײַן מערדערישער כאַראַקטער גאַנץ וועניג נתפּעל געוואָרען דערזעהענדיג איהם, אויבוואָהל ער האָט איהם מאָמענטאַל דערקענט. און ער האָט גענומען שרײַען אויף די דינערשאַפֿט: „וואָס האָט איהר אַרײַנגעלאָזט אַהער דעם צודולטען ער זאָל שטערען די רוהע, ער איז דאָך אַ ניפּעהרליכער משוגע'נער, וואַרפֿט איהם אַרויס!.."

באַלד איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל אין שטוב, אַלע האָבען זיך אויפֿגעשטעלט פֿון זײַערע ערטער און מ'האָט לפידות'ען מיט גרויסע געלעכטערן, אַרויסגעוואָרפֿען פֿון שטוב און פֿערשלאָסען די טהיר.

עזריאל לפידות, מיט זײַן גוטע נאַטור, רעכענדיג אַז פֿילײַכט האָט ער איהם ניט דערקענט, און אַז ער וועט זיך צו איהם געבען צו דערקענען וועט ער ערליך זיך דאָך מתודה זײַן און בעהטען בעגנעדיגונג, אַלזאָ האָט ער אַראָבגעהענדיג אויף דער גאַס, געהייסען די געהײַם־אַגענטען, וועלכע ער האָט געדונגען, אַז זיי זאָלען איהם נאָך זעהן גוט צוהיטען ביז אין דער פֿריה, ווען ער וועט זיי געבען אַ צײַכען זיי זאָלען איהם אַרעסטירען.

אין דער פֿריה, האָט שוין לפידות איהם אָבגעוואַרט פֿאַרן טויער פֿון זײַן וואוינונג, גלײַך מיט די געהײַם אַגענטען, און בעת קירש איז אַראָבגעגאַנגען, צו־געהן

נעהן אין זײַן געשעפֿט אַרײַן איז אַהם לפידות אַנטקעגן געקומען גלײַך א פּנים אַרײַן, און געזאָגט צו איהם: „גוט מאָרגען קירש! צי איהר קענט מיך נישט איך בין דאָך לפידות אײַער לאַנגסטיגער פּרינציפּאַל!

קירש האָט ניט לאַנג געטענה'עט מיט איהם, נאָר תיכף גערופֿן פּאָליציי און געהייסען איהם נעהמען אין „נאַרען־הויז", ערקלעהרענדיג דערבײַ אַז ער איז אַ געפֿעהרליכער משוגע'נער וועלכער בעפֿאַלט מענשען און נאָך שטערט דעם אָרדנונג. דערווײַל האָבען זיך באַלד פֿערזאַמעלט אַרום לפידות אַ גאַנצע מחנה פֿון יונגלעך, וועלכע האָבען גענומען ציפּען לפידות'ן פֿון אַר זײַטען און מיט הילעכדיגע געלעכטער'ן גערופֿען „משוגע'נער מיליאָנער!". ער איז געשטאַנען פֿון דער ווײַטענס און געשעפּט נחת... ווען מ'האָט לפידות'ן געמען פֿיהרען אין „נאַרען־הויז", האָט קירש געוואָלט זיך רוהיג געהן זײַן וועג נאָר פּלוצלינג זענען ווי פֿון אונטער דר'ערד אַרויס 2 געהיים־אַגענטען און צו געהענדיג צו קירש'ן, האָבען זיי איהם מאָמענטאַל אַנגעטהוען אויף בײדע גראָבע פֿינגער פֿון בײדע הענד, אַ קלײנעם אײַזערינעם רינג, אַלעס אַ צײַכען אַז ער איז אַרעסטירט און דערבײַ איהם געבעטען ער זאָל אַזוי גוט זײַן און זיך מטר זײַן מיט זיי, אַרויף צו איהם אין וואוינונג און ערלויבען צו מאַכען בײַ איהם אַ אַביסקע. בײַ דער אונטערזוכונג, האָט מען געפֿונען לפידות'עס בריליאַנטענע רינג, וועלכער איז געווען איבערגעאַרבײַט אויף אַ דאַמסקע פֿאַסאָן, נאָר די בריליאַנט איז געווען אײנס אין דער זעלבער אויף וועלכען הענריך האָט אַוי שפּעטער בעשטעטיגט אַז ער איז לפידות'עס. אויסער דעם האָט קירש ניט פֿון האָט צו צושטעלען דעם נויטיגען ציינגים, בײַ וועמען ער האָט איהם געקויפֿט ווײַטער האָט מען געפֿונען לפידות'עס זײגער, נאָר מיט אַן אַנדערע מאָדערנע קייט, ניט לפידות'עס. געלד און נאָך וואַרטאַשצי זאַכען וואָס מ'האָט געפֿונען האָט מען אַלץ פֿערנומען און קירש'ען פֿערבעטען אין צירקעל אַרײַן.

ווען מ'האָט לפידות'ן געבראַכט אין „נאַרען־הויז" און דער דאָקטאָר האָט איהם בעטראַכט און געמאַכט די ערשטע אונטערזוכונג, האָט איהם לפידות דער צעהלט די גאַנצע געשיכטע, און אַ בעוויז אַז ער זאָגט אמת, האָט ער איהם געגעבען פֿאַר אַן עדות, דעם צווייטען באַטריגער, הענריך'ען, וועלכער איז מיט געווען בײַ דער בערויבונג, און יעצט אַליין זיך מודה געווען פֿאַר איהם.

דער דאָקטאָר האָט אַנערקענט אַז ער זאָגט די וואָהרהײַט, און אַז ער איז בײַם ריכטיגען זינען, און ער האָט איהם געגעבען אַ צײַגניס, אַז ער איז פֿאָלקאָם געזונד, בײַם ריכטיגען זינען, און אַ בעריכט וועגען דער גאַנצער אַנ טריגע וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, און מיט דעם איהם אָבגעשיקט צום שווייצער רישען קאָנסול, אַז ער זאָל די זאַך אויספֿאָרשטען.

בײַם קאָנסול האָט לפידות נאָכאַמאָל דערצעהלט אַלע אײנצעלהייטען ווי אַזוי קירש האָט איהם אין וואַלד געוואָלט ערמאָרדען, נאָר דער צווייטער הענריך האָט איהם דערפֿון אָבגעהאַלטען. לויט ווי ער האָט זיך זעלבסט מודה געווען און אַם אַנדערע האָט ער איהם בערויבט די געלד מיט'ן גאָלדענעם זייגער

און

און א ברילליאנטענעם רינג, און נאכהער האט ער איהם פארברענט דעם פאלאץ און געוואלט בערויבען זיין שאץ-קאמער, נאר דער לעצטער פאקט איז איהם ניט געלונגען, און יעצט האט ער איהם געמאכט פאר א צורולטען כדי דערמיט איהם אין גאנצען צו פערניכטען.

דער קאנסול האט צוזאמענגעשטעלט א פראטאקאל און גערופען הענריך דעם פוהרמאן אלעס עדות. הענריך האט דאס זעלבע בעשטעטינט ביים קאנסול אויך, און זיך געזעגעלט דערויף. נאכהער האט דער קאנסול די דיעלא איבערגעגעבען דער ענגעלישער פאליציי. די ענגעלישע פאליציי האט געטרעבעוועט אנאויספארשונג פון דער באזעלער פאליציי, און אין עטליכע מאנאטען ארום איז אנגעקומען דאס געריכט אין לאנדאן.

קירש איז פער'משפט געווארען: צו הענגען און אומקעהרין דאס בערויבטע פערמעגין. און הענריך איז געגאנגען לויז, לויט די ביטע פון ליארד לפידות, וועלכער האט איהם בעגנעדיגט.

עזריאל לפידות איז אהיים געקומען פרעהליך און צום ערשטענס געגאנגען זעהן צו זיין "שאץ-קאמער" איז ניט בערויבט, ער האט געטראפען אלעס אין בעסטען ארדנונג, ניט בעריהרט. מ'קען זיך פארשטעלען די גרויסע פרייד וואס דארט איז געווען, בעת מ'האט זיך דערוואוסט אז דער גוטהערציגער לפידות לעבט און דער מערדער איז קעפערליך בעשטראפט געווארען. אין אקורצע צייט ארום איז געשטאנען אויף דעם זעלבען ארט, אשעהנערער פאלאץ ווי פריהער, און עזריאל לפידות האט זיך אויסגעלעבט זיינע יאהרען אין גרויס עשירות און כבוד און געטהוען פיעל גוטס צו יעדען און זיינע קינדער זענען געבליבען ביי דעם גרויסען רייכטהום ביזן היינטיגען טאג.

# הרה"צ ר' ישראל ז"ל מריזשין זי"ע.

## ה.

## די יודינע האט געגעבען עצות דעם רבש"ע, ווי אזוי ער זאל העלפען איהר זוהן

די מעשה האט דערצעהלט דער היילינער רבי, ר' ישראל ריזשינער ז"ל מיט זיין אייגען מויל:

דאס איז געווען בעת דער רבי האט געוואוינט אין סאדיגערי, פלעגען צו איהם קומען אלע מאל א יודענע, בעהטען פאר איהר זוהן, וועלכער איז אמאל געוועזען א גרויסער עושר, א ווייַנשענקער, נאכהער איז ער ר"ל געווארען א יורד און א גרויסער ארימאן. ער האט אויך געהאט עטליכע דערוואקסענע

מעדלעך, חתונה צו מאכען און האט לא עלינו, ניט געהאט אויף שבת. די יודענע פלעגט יעדעס מאל, ווען זי איז צום רבין געקומען, פארלעגען דעם רבש"ע, פערשידענע עצות ווי אזוי ער זאל העלפען איהר זוהן, ווי צבי"ש: ער זאל געפינען א כשרה מציאה... אדער ער זאל געווינען אויף דער לאטעריע, אלע מינוט האט זי אן'אנדערע עצה געפונען און דאס פארגעלעגט דעם רבין, אז ער זאל אויף דעם מתפלל זיין.

דער רבי פלעגט איהר ענטפער'ן: אז דעם רבש"ע ברויכט מען קיין עצות ניט געבען, דען ער האט פיעל סבות, ווי אזוי צו העלפען דעם כ"ש. איינמאל האט זיך געמאכט דאס איהר זוהן, דער ווייַנשענקער האט ניט געהאט אויף שבת, דאן האט ער זיך דערמאנט, אז ס'געפינט זיך נאך ביי איהם אין קעהלער אנ'ערך פון 30 פלאשען וויין. אין דער זעלבער שטאדט וואו ער האט געוואוינט האט זיך געפונען אגביר וועלכער פלעגט ביי איהם נעהמען אויף אלע שבת אגאנצע פלאש וויין. ער האט געבעהטען זיין אלטע מוטער זי זאל געהן טראגען דעם גביר א'פלאש וויין, וועט ער האבען האטש 30 גראצער אויף שבת. די מוטער האט גענומען די פלאש וויין און געגאנגען צום גביר. ער האט ביי איהר צוגענומען די פלאש וויין און איהר בעצאהלט די 30 גרייצער. ווען זי האט שוין געוואלט אוועקגעהן, האט ער זי צוריק גערופען און געזאגט, אז ער וויל פריהער פארזיכען דעם וויין ווייל ס'ווייזט איהם אויס אז דער וויין איז שוין קאליע, ווייל ער איז זייער טאנטנע. ער האט געעפענט די פלאש וויין און פארזיכט, באלד האט ער ביי איהר צוריק גענומען די 30 גרייצער און איהר אומגעקעהרט דעם וויין. ווייל ער איז שוין געווען זויער ווי עסיג. די יודענע איז נעבעך אהיים נעגאנגען מיט אצובראכען הארץ און בעדויערט איהר זוהנ'ס ביטערע לאגע. זי האט אנגעהויבען בעטען איהר זוהן דאס ער זאל מיט איהר פאהרען קיין סאדיגערי צום ריזשינער רבין, דען פון ווי ווייט פאהרט מען צו איהם און יעדער ווערט דורך זיין תפלה געהאלפען. דער זוהן האט זיך געלאזט צו רעדען און אויף דער צווייטער וואך איז ער צוזאמען מיט זיין מוטער געפאהרען צום רבין.

קומענדיג צום רבין, האט די יודענע מיט גרויס געוויין דערצעהלט דעם רבין די גאנצע ביטערע לאגע פון איהר זוהן, און די מעשה מיט דער פלאש וויין וועלכע דער גביר האט איהר צוריק געגעבען און זיי האבען ניט געהאט אויף שבת, און אז אין קעהלער געפינט זיך נאך אפשר 30 פלאשען וויין וועלכע זענען קאליע געווארען און מ'וועט זיי ברויכען ארויסצוגיסען.

דער רבי, אויסהערענדיג פון דער יודענע דאס אלעס, האט ער געטהוען אמאך מיט דער האנד, אצייכען אז שוין גענוג גערעד, און דערביי זיך געווענדעט צו איהר זוהן, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען ווי א שטימער און גארניט גערעד — אייער מוטער דערצעהלט דאך דאס איהר זענט אמאל געווען אגרויסער עושר און א ווייַנשענקער, טו פארוואס-זשע האט איהר דעם מסחר אוועקגעווארפען?

— הייליגער רבי, דער מסחר האט איהם אוועקגעווארפען; נים ער דעם מסחר — האט די מוטער פערהאפט איידער איהר זוהן האט אוספיעאיט זיין טויל צו עפענען.

„רבש״ע, וואס איז דאס פאר א יודענע!“ — האט דער רבי געגעבען אקלאפ אין טיש — מען רעד דאך נים צו אייך.

די יודענע איז שטיל געבליבען און דער זוהן האט אנגעהויבען רעדען: מים יאהרען צוריק פלעג איך האבען א סך קונים וועלכע פלעגין פון ווי ווייט שיקען צו מיר נאך וויין, און איך בין געווען א יחיד אין שטעדטיל מים מיין וויין, די גרעסטע פריצים פון די הויפען פלעגין צו מיר שיקען נאך וויין, און מיין וויין איז געווען גערימט אלעם דער בעסטער פון גאנץ אונגארען, און צייט עטליכע יאהר, האב איך בעקומען אקאנקארענט אין שטעדטיל, א צווייטען וויין האנדעל, און ביסלעכווייז האט ער מיר צוגענומען אלע קונים, ביז איך האב מיין גאנץ פערמעגין פערלוירען, דער געמיינער וויין וועלכער האט נים געקענט לאנג שטעהן, או איך האב נים געלייזט, איז ער קאליע געווארען, און דעם גוטען וויין האב איך נים געהאט פאר וועמין צו קויפען, וואס איך האב געהאט האב איך ביסלעכווייז איסגעלייזט, נים צוקויפענדיג קיין פרישען, און דעריבער אז איך פלעג וועמין ס׳איז פערקויפען פון געמיינעם וויין, האב איך דערמיט זיך, די רעשט ביספעל קונים פאריאגט און אזוי ארום בין איך געווארען אניארימאן אז דער אויבערשטער זאל שוין אויף מיר רחמנות האבען.

— נו, יעצט — האט דער רבי צו איהם געזאגט — „פאהר אהיים און גרייט דיר צו א סך ליידיגע פלאשען, וויפיעל דו וועסט נאר קענען, און זאלסט אריינגיסען אין יעדער פלאש א קליין גלעזעלע פון די 30 פלאשען וועלכע דו האסט שטעהן אין קעהלער, אויף וועלכע איהר זאגט אז זיי זענען שוין קאליע — און די רעשט דערפולען מים וואסער און ארנטליך פערחתמהינען און פערפאקען יעדער פלאש אין שטרוי ווי דעם בעסטען וויין; און אז מ׳וועט קומען צו דיר א פריץ קויפען וויין אויף א באל, זאלסטו איהם געבען פון דעם וויין; נאר זעה דו זאלסט נים פערניצען די גאנצע 30 פלאשען, כדי ס׳זאל דיר נים פארפעהלען אין פאל אז דו וועסט ברויכען נאך; ווי אויך דעם מקח זאלסטו נים פערנארען, מעגסט דיר הייסען גוט בעצאהלען, ווי פאר דעם בעסטען וויין; און אייער מוטער זאל טעהר דעם רבש״ע, נים געבען קיין עצות, דען ער ווייסט בעסער פון איהר“. דער רבי האט זיי געזעגענט און געוואונטשען הצלחה און זיי זענען מים האפענונג, אהיים געפאהרען.

אנקומענדיג האט ער ביסלעכווייז זיך אנגעהויבען צונויפצוקלויבען ליידיגע פלעשער וויפיעל ער האט נאר גיקענט, און געהאפט אז דעם הייליגען רבי׳נס צוזאג וועט געווים מקוים ווערין.

אין א קורצע צייט ארום נאך זייער א היימקומען פון רביץ, האט איינמאל בייגאכט אנגעקלאפט א יונגער פריץ וועלכער האט איהם גיקענט פון לאנג פאר א ווייםשענקער. ער האט איהם געעפענט די טהיר און דער פריץ האט

געפרעגט צי ער האט עפעס גוטען וויין? ער האט געענטפערט אז ער האט זעהר גוטען וויין; נאר ער קאסט טייער. דער פריץ האט זיך געהייסען געבען צו פערזיכען. ער איז באלד אראבגעגאנגען אין קעהלער אריין און ארויפגע־בראכט א פלאש וויין פון די 30 פלאשען וועלכע ער האט געהאט שטעהן פון לאנג, און געגעבען דעם פריץ צו פרוביען. דער פריץ האט פערזוכט און געזאגט אז דער וויין איז זעהר גוט, און דערביי געפרעגט וויפיעל ער וועט וועלען פאר א פלאש? ער האט געענטפערט אז ער וויל 2 רייניש פון א פלאש.

.. נו גוט — האט דער פריץ געזאגט — נאר צי דו וועסט מיר קענען צושטעלען אויף דעם באל וואס איך וועל מאכען אויף דער צווייטער וואך 1600 פלאשען פון דעם זעלבען וויין?

— פאר וואס ניט, אפילו 16000 אויך!

דער פריץ האט איהם מאמענטאל געגעבען 500 רייניש האנד־געלד און דער ווייןשענקער האט צוגעזאגט, צו דער בעשטימטער צייט צו צושטעלען דעם וויין צום פריץ אין הויף אריין.

דער ווייןשענקער האט צוגעקויפט נאך פלאשען מעהר ווי די צאהל וועלכע דער פריץ האט געפאדערט, און באלד אנגעלאדעוועט גאנצע 2000 פלאשען, צו איטוועדער פלאש האט ער צוגעמישט א גלעזעלע פון די 30 פלאשען און די רעשט וואסער, פער'חתמה'עט, ארנטליך פערפאקט און אבגעפיהרט צום פריץ אין הויף אריין.

אויפ'ן באל זענען געווען די גרעסטע הראביעס און גראפען און אלע האבען געריהמט דעם וויין אז ער איז גאר אנ'אנטיק אין דער וועלט, ראס זיי האבען נאך ביי זייער לעבען אזא וויין ניט געטרונקען. מ'האט נאכהער געפא־דערט פון איהם נאך 600 פלאש, און ער האט צוגעשטעלט.

נאכ'ן באל האט דער פריץ איהם בעצאהלט וויפיעל ס'איז איהם גע־קומען, און דערביי איהם פערשפראכען, אז קיין אנדערן וויין וועט ער קיינמאל ניט נוצען אויסער זיינעם...

פון דאמאלס אהן האט זיין מזל צוריק אנגעהויבען צו שיינען און ער איז געווארען נאך א גרעסערער גביר פון פריהער, און ער פלעגט אפט פאהרען קיין מאדיגערי צום רבין. די מוטער האט נאכהער געזאגט צום רבין, אז אויף אזא עצה איז איהר גארניט איינגעפאלען פארצולעגען דעם רבש"ע.

# הרה"צ ר' ברוך ז"ל ממעזיבוש נכד הבעש"ט זי"ע.

## ו.

## מעניש געוועזן א ליטוואק א בעריהמטע.

טען דער הייליגער צדיק הגאון ר' לוי יצחק ז"ל איז געוועזן רב אין :בערדיטשעוו, איז זיין מנהג געוועזן אז ער פלעגט צייטענווייז געהן אין דער

גרויסער

גרויסער שוהל אריין דרשנ׳ען ברבים. אין דער זעלבער צייט איז געקומען קיין בערדיטשעוו א גרויסער גאון פון דליטא און האט זיך דארט באזעצט, ער פלעגט שטענדיג זיצען אין בית-המדרש און לערנען און יודען בני רחמנים האבען איהם מפרנס געווען.

איינמאל ווען דער הייליגער רב הגאון ר׳ לוי יצחק זצ״ל איז געגאנגען אין שוהל אריין זאגען זיין דרשה, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין און אלע גרויסע לומדים ומופלגים פון דער שטאדט זענען געקומען הערין די דרשה, איז דער ליטוואק אויך געקומען הערין. אין מיטען דער דרשה בעת דער רב האט געהאלטען ביי איין שווערין ענין מיט גרוים פלפול, איז געקומען דער ליטוואק און האט געפרעגט דעם רב זעהר א הארבע קשיא. דער רב האט איהם אפ געגעבען „שלום-עליכם" און איהם געפרעגט פון וואנען ער איז? ער האט געענטפערט אז ער איז פון דליטא און פון וועלכער שטאדט. דער רב האט איהם געבעטען ער זאל מוחל זיין, קומען צו איהם אהיים, דאן וועט ער מעיין זיין וועגין דער קשיא איהם צו פערענטפערין.

דער עולם וועלכע האבען דאס צו-געזעהן, האבען פערשטאנען אז דעם רב האט די זאך א ביסעל פערדראסען וואס דער ליטוואק האט איהם אין מיטען דער דרשה אבגעשטעלט מיט זיין קשיא, כדי איהם מבזה צו זיין פאר א רבים, און זיך צו בערימען דערמיט; נאר דאך האט איהם דער רב גארניט אויפמערקזאם געמאכט דערויף, אבוואהל דאס איז ניט קיין דרך-ארץ.

דער ליטוואק איז צום רב ניט אהיים געקומען, ווייל פאר איהם איז גענוג געווען אז ער האט דעם רב אבגעשטעלט מיט זיין קשיא, ברבים, און ער האט איהם אויפין ארט ניט געענטפערט, מעהר האט ער ניט געברויכט...

אין א קורצע צייט ארום איז דער רב ווייטער געגאנגען אין שוהל אריין זאגען א דרשה, איז דער ליטוואק ווייטער געקומען און ווידער געפרעגט דעם רב א שווערע קשיא און זיך אוועק געגאנגען מיט דער קשיא.

אין דערזעלבער צייט זענען די חסידים פון בערדיטשעוו געפאהרען קיין מעזיבוש צום הייליגען רבין ר׳ ברוך זצ״ל, דעם הייליגען בעש״ט איניקעל. קומענדיג צום רבין, האט זיי דער רבי געפרעגט וואס ס׳הערט זיך נייעס אין בערדיטשעוו?.. זיי האבען איהם דערצעהלט אז ס׳איז געקומען קיין בערדיטשעוו א ליטוואק און איז אלע מאל מצער דעם רב ר׳ לוי יצחק מיט זיינע קשיות וואס ער פרעגט איהם אין מיטען די דרשות.

דער רבי ז״ל האט זיי געפרעגט צי דער ליטוואק איז אזא גרויסער למדן? האבען זיי געענטפערט אז ער איז איין גאון עולם. האט דער רבי געזאגט, ווען דער ליטוואק וואלט געקומען צו מיר, וואלט ער גארניט געקענט לערנען.

די חסידים זענען אהיים געפאהרען קיין בערדיטשעוו, האבען זיי דערצעהלט דעם ליטוואק אז ס׳איז פאראן א רבי ר׳ ברוך אין מעזיבוש און ער קען ניט אזוי גוט לערנען ווי דער רב פון בערדיטשעוו און דאך האט ער געזאגט אז ווען איהר זאלט קומען צו איהם, וואלט איהר גארניט געקענט לערנען.

דער לִיטוואק האט זֵיי געפרעגט, אז דער רבי ר׳ ברוך ז״ל קען נִיט לערנען, פאר וואָס-זשע רופט מען אִיהם רבי ?

— ווייל ער קען גוט לערנען „זוהר״ — האָבען די חסידים געענטפערט.

דער לִיטוואק האָט אָבער גִיקענט אלסדִינג, אפילו אִין זוהר אִיז ער אויך גִיוועזן אגרויסער בקי; האָט ער זִיך אָבגעקלִיבען אשוועהרען מאמר אִין זוהר און געפאָהרען קיין מעזִיבוש פרעגען דעם רבִין דעם מאמר

ווען ער אִיז אהִין געקומען, האָט מען דעם רבִין מודיע גִיוועזן אז דער לִיטוואק פון בערדִיטשעוו אִיז געקומען. דער רבי האָט אִיהם געהייסען אריינ־לאָזען. אריינקומענדִיג האט אִיהם דער רבי ז״ל אָבגעגעבען „שלום״ און דער זוהר אִיז גִילעגִין אויפ׳ן רבִי׳נס טִיש, פונקט אויפגעמִישט דער זעלבער מאמר וועלכען דער לִיטוואק האָט אִין זִינען געהאט צו פרעגִין!!

דעָר לִיטוואַק האט דאָס נִיט אָנגענומען פאַר קיין מופת, אז דעָר רבי זאָל האָבען „רוח־הקודש״ צו וויִסען וועלכען מאמר ער האָט אִיהם געוואָלט פרעגִין, דאָס עָר זאָל האָבעָן עָקסטרע אויפגעמִישט; נאָר ער האָט גִירעכענט אז די זאַך אִיז צופעָלִיג, פונקט האָט זִיך געטראָפען דאָס ער האלט אִין לערנען ביי דעָם מאמר.

— צִי אִיהר קעָנט לערנעָן ? — האָט אִיהם דעָר רבי גִיפרעָגט.

— אִיך קעָן.

— וואָס קעָנט אִיהר אַלץ ? — האָט דעָר רבי אִיהם ווייטעָר גִיפרעגט ?

— אִיך קעָן : גאַנץ ש״ס. בבלי און ירושלמי מִיט תוספות, אלפסי, טורים, רמב״ם, ספרא, ספרי און תוספתא.

— און גמרא קענט אִיהר אויך לערנען ?! — האָט דער רבי ווייטעָר געפרעָגט.

דעָר לִיטוואַק האָט געָרעכענט אַז דער רבי ווייסט נִיט אַז ש״ס אִיז גמרא, מחמת עָר האָט אִיהם געזאָגט אַז עָר קען ש״ס; אָדעָר ער האָט נִיט גוט גִיהעָרט, דעָרִיבער האָט ער אִיהם גלייכגִילטִיג געענטפערט צום צווייטען מאָל: „גמרא קעָן אִיך אויך״!

— טו עָרקלערט-זשעָ מִיר דעם מאמר פון דער גמרא (נדה דף ל׳ ע״ב). אַז ווען דאָס קִינד אִיז ביי זיין מוטעָר אִין בויך, ברעָנט זִיך אַלִיכט איבער זיין קאָפּ און מ׳לעָרנט מִיט דעם קִינד די גאַנצע תורה, און ווען די צייט קומט אַז דאָס קִינד זאָל אַרויסגעָהן אויף דער וועָלט, קומט אַ מלאך און גִיט אִיהם אַ שנעָל איבעָר׳ן מויל דאַן פאַרגעסט דאָס קִינד אַלעס. האָט דער רבי אִיהם גִיפרעָגט אַ קשיא : פאַר וואָס ברויכט מען צו לערנעָן מִיט׳ן קִינד די גאַנצע תורה און דעָר־נאָך זאָל מען אִיהם שנעלען איבער׳ן מויל, עָר זאָל צורִיק פאַרגעסען; אִינטוועָ־דעָר, אָדער מ׳זאָל מִיט אִיהם גאָרנִיט לערנען. אָדער אַז מ׳לערנט שוין מִיט אִיהם זאָל עָר נִיט פאַרגעָסען ?

דעָר לִיטוואַק האט געשווִיגעָן און נִיט געוויִסט וואָס צו עָנטפער׳ן.

דאַן האָט דער רבי גִיזאָגט, אִיך וועל אייך פאַר ענטפערִין : אייגענטלעך

צוי

איז אין פלוג די קשיא: נאך וואס האט דער אייבערשטער געברויכט צו בעשאפען שלעכטע מדות? — די גוטע מדות ברויכט מען צו האבען, אבער די שלעכטע מדות צו וואס טויגען? — צב"ש, די מדה פון שכחה — אז וואו מענש זאל פארגעסין וואס מ'האט מיט איהם געלערנט ביי זיין מלמד אין חדר, און אזוי ביי אנדערע זאכען דעסט גלייכען, צו וואס ניצט דאס?

נאר דער תירוץ איז: אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אין די הייליגע ספרים אז ווען דער מענש זאל ניט האבען די מדה פון שכחה וואלט די וועלט קיין קיום ניט געהאט, ווייל שטענדיג וואלט דער מענש געהאט אין זינען אז ער וועט שטארבען וואלט זיך איהם קיין שום זאך ניט געגליסט; ער וואלט קיין הויז ניט געבויערט, קיין משא-ומתן ניט געמאכט און אז"וו; איבער דעם האט דער אייבערשטער געגעבען דעם מענש די מדה פון שכחה. קומט אויס אז ס'איז פערהאן צוויי מלאכים, איינער איז ממונה ער זאל לערנען מיט דעם קינד אויף דעם אופן ער זאל ניט פארגעסען, און דער צווייטער איז ממונה ער זאל דעם קינד מסטר זיין איבערן מויל כדי ער זאל האבען די מדה פון שכחה; און דער מראך וואס איז געזעצט דערויף, ער זאל דעם מענש אריין געבען די מדה פון שכחה, איז אליין אויך אין גאנצען שכחה, קען דאך זיך אמאל טרעפען אז ער זאל דאס אליין אויך פערגעסען, זיין פפליכט, צו געבען דעם קינד א שנעל איבערן מויל; נאר אויב ער פערגעסט קען איך אויך מסטר זיין...

אזוי האט דער רבי אויסגעלאזט, אזוי יעצט — האט ער צוגעגעבען — זאג מיר דעם מאמר פון זוהר.

דער ליטוואק האט געעפענט זיין מויל און אנגעהויבען זאגען די ערשטע צוויי ווערטער פון מאמר: „תא חזי" האט ער באלד פערגעסען אז ער האט שוין גיזאגט די ווערטער, האט ער נאך אמאל אנגעהויבען „תא חזי" אזוי האט ער פיעל מאל ווידערהאלט די צוויי ווערטער „תא חזי—תא חזי—תא חזי" און מעהר האט ער ניט גיקענט זאגען. ער איז ארויסגעגאנגען פון רבי'נס שטוב בחרפה ובזיון, און האט פארגעסען דאס גאנצע לערנען, ער איז געבליבען אן'איינפאכער „עם-הארץ" און איז געווארען א שמש אין בערדיטשעווער שוהל, מ'האט געמאכט פון איהם לייטישע גילעכטערין.

פון דער מעשה קען מען זיך אבלערנען א מוסר, ניט צו זיין קיין בעל-גאוה מיט זיין קענטעניס, ווייל דאס איז א מתנה פון דעם אייבערשטען, ברויכט מען נאך אנדערע מהנה צו זיין דערמיט, אבער ניט יענעם מבייש צו זיין, דעריבער ווייל ער קען בעסער, ווי דער ליטוואק האט געטהוען.

# הרה"צ ר' בער ז"ל ממעזריטש זי"ע.

## ז.

## אַ זעלטענער שפּאַס. — 1000 רובל מיט אַ ווייב צו.

צום הייליגען רבי'ן ר' בער ז"ל, איז געקומען אויף ימים נוראים, אַ יונגער מענש וועלכער האט זיך אויפגעהאלטען אַלע ימים־טובים בײַ'ם רבי'ן. און פערלויף פון דערצײַט, האט ער זיך אַלע מאָל פערטרויערט פאַרן רבי'ן, אַז ער דאַרף טהוען אַ שידוך, נאָר ווײַל ער איז אַן אָרימאַן און האט קיין געלד ניט דעריבער לעגט מען איהם ניט פאַר קיין שום שידוך.

נאָך סוכּות, האָט איהם דער רבי געזעגענט, און געזאָגט: „פאָהר לחיים ולשלום און דער ערשטער שידוך וואָס מ'וועט דיר פאָרלעגען, אהיימפאָהרענדיג, זאָלסטו טהוען, ניט קוקענדיג אויף קיין שום זאַך". דער יונגער מאַן האט אפילו ניט געהאט אויף קיין הוצאות אהיים צו פאָהרען, און דערצו געגאנגען צוריסענע מלבושים ווי דער שטײַגער פון אַן אָרימאַן, דעריבער האט ער זיך געמוזט לאָזען געהן צופוס אהיים.

אויפן וועג איז ער פערבײַ געגאנגען אַקרעטשמע, איז ער דאָרטען אריינגעגאנגען איבערנעכטיגען. ער האט זיך אוועקגעזעצט בײַ'ם אויבען, זיך צו דערוואַרימען. אין דער קרעטשמע זענען געזעסען אַ חברה לצים וועלכע האבען געגעסען, געטרונקען און זיך געוויצעלט. דערזעהענדיג דעם נײַען גאַסט זיצענדיג בײַ'ם אויבען, וועלכער האט בײַ זיי אויסגעזעהן ווי אַ חסיד אַ בטלן, האבען זיי איהם אנגעהויבען אָבשטעקען „שלום־עליכם'ס" איינער נאָכ'ן צווייטען, און גלײַכצײַטיג מיט איהם פערפיהרט אשמועס: פון וועלכער שטאָדט ער איז? און וואו ער פאהרט? און אז"וו. ער האט זיי דערציעהלט דעם גאנצען אָמת: אז ער קומט פון מעזריטש פון רבי'ן און אז ער ברויכט אַ שידוך טהוען און דער רבי האט איהם געהייסען, אז וועלכען שידוך מ'וועט איהם צום ערשטען פארלעגען, זאל ער טהוען, ניט קוקענדיג אויף קיין שום זאַך...

איינעם פון די לצים איז אײַנגעפאלען אַ געדאַנק, אָבצושפּיעלען מיט דעם שלימזל אַ סצענע... ער האט זיך צו געריקט נעהנטער צום יונגען מאַן און איהם אײַנגערוימט אין אויער: „איך האב פאר אײַך אַ גוטען שידוך, מײַנס אַ שוועסטער, אַ יונג ווײַבעל, אַ שעהנע און האט 100 רובל; אויב זי וועט אײַך געפעלען, קען דער שידוך באלד געשלאסען ווערין". מ'האט איהם אין געלעכטער פארגעשטעלט דעם ארענדאר'ס אַ טאָכטער אַ יונג ווײַבעל אַ גרושה. באָמת האט דער לץ, וועלכער האט זיך פערופען אז זי איז זײַנס אַ שוועסטער, איהר גארניט אנגיהערט, נאר ער איז געוועזן דארט אַ הײַמישער, און איהר פאטער דער בעל־הבית, איז דאן ניט געוועזן אין דערהײַם, ער איז געפאהרען אין אַצווײַטען דאָרף ארײַן קויפען בהמות, און די מענשען האבען דא זיך געוואלט אביסעל פערגעניגען פערשאפען איז זיי געקומען אונטער דער האנד דער יונגער מאַן.

וועלכען

וועלכע זיי האבען געוואלט מאכען פאר א העלד אין זייער קאמעדיע; אבער
באמת, האבען זיי איהם א גרויסע טובה געטהון דערמיט, ווי דער לעזער וועט
זיך ווייטער ערקונדיגען.

דער יונגער מאן, זעהענדיג דאס ווייבעל, איז זי איהם גלייך געפעלען,
און בפרט אז ער האט געהאט אין זינען דעם רבי׳נס בעפעהל: אז דעם ערשטען
שידוך וואס מ׳וועט איהם פארלעגען זאל ער טהון, דעריבער איז קיין וואונדער
ניט אז ער האט באלד איינגעשטימט אויף דעם שידוך. דער מחותן, דער וואס
האט זיך פארגעשטעלט פאר דער כלה׳ס ברודער, האט זיך תיכף געגעבען תקיעת-
כף מיט׳ן חתן און די כלה האט אויך צוגעלאכט... מ׳האט באלד אנידערגעשטעלט
שנאפס און געטרונקען „לחיים". די סצענע איז געוואקסען וואס א מינוט גרעסער.
אלע האבען זיך געוואקעלט פון גילעכטער, און דער יונגער-מאן האט געמיינט
גאנץ ערנצט...

ענדליך האט זיך א צווייטער פון דער חברה, וועלכער האט אויך גע-
וואלט אנטהייל נעהמען אין דער ראליע — זיך אנגערופען: „מ׳וואלט געברויכט
באלד צו מאכען די חופה, מיר געפינען זיך דא א „מנין" וועלען מיר שטעלען
א חופה און פארטיג. וואס ברויכט מען דא מאכען פאר א קונצען... דער חתן
האט דא ניט קיין שום קרובים אדער בעקאנטע, און די כלה האט אויך ניט
מעהר קיין נויטיגע איינצולאדען, וואלט געווען א סברה באלד צו מאכען די
חתונה".

— מיר האבען אבער דא ניט ווער ס׳זאל שרייבען א כתובה און ווער
ס׳זאל מסדר קידושין זיין — האט זיך אנגערופען א דריטער פון דער חברה.
— א פינגערל האב איך! — האט דער ערשטער אויסגעשריהען מיט
נצחון — און איך קען דאס איהם שענקען נאר בתנאי ער זאל דערמיט מקדש
זיין מיין שוועסטער; און אפשר וואלט איהר געקענט אליין אנשרייבען א כתובה? —
האט ער זיך געווענדעט צום חתן מיט א פראגע.
— איך קען אליין שרייבען א כתובה און אפילו מסדר קידושין זיין
אויך — האט דער חתן גאנץ ערנצט געענטפערט.

חברה האבען אויסגעשאסען מיט א גרויס גילעכטער און מאמענטאל
האט מען געבראכט א טלית מיט פיער שטעקענס: א קאטשעבע, א לאפאטע,
א פאפעניטע און נאך א שטעקין און נאכדעם ווי דער חתן האט אנגעשריבען די
כתובה, האט מען אויסגעשפרייט דעם טלית אויף די שטעקענס און געמאכט
א חופה. די לצים האבען גענומען דאס אונטערפיהרעכטין ביים חתן און די כלה
מחמת זי האט גראד ניט געהאט אונטער דער האנד ווער ס׳זאל איהר אונטער-
פיהרען, איז זי אליין געגאנגען און חברה האבען איהר אונטערגעשטיפט און זי
ארומגעדרעהט די זיבען מאל... דער חתן האט אליין מסדר געווען די קידושין,
און מקדש געווען די כלה, כדת משה וישראל.

נאך דער חופה, האט זיך געמאכט א גאנצע טראוואגע: איינער האט
איהם אראבגעצויגען דאס היטל איבער די אויגען, דער צווייטער האט איהם

געשלעפט ביי די פאלעס, דער דריטער האט איהם דערלאנגט פון הינטען א קלאפ איבער'ן קאפ, מיט איינוואָרט מ'האט איהם שיעור דער'הרגעט. ער האט געזעהן אז ס'איז שלעכט, מעוועט איהם דא דערדלאָביען, האט ער געמאכט א „ויברח" צו איין גוי פון דער זעלבער קרעטשמא און דארט איבערגענעכטיגט.

אין דערפריה איז ער געשטאנען אין דרויסען פאר דער קרעטשמא און האט מורא געהאט אריינצוגעהן אין שטוב צו זיין ווייב, מ'זאל איהם ניט שלאָגען. דערווייל האט ער גיהערט ווי דער משרת זאָגט אז דער בעל-הבית קומט אָהן. ער איז צוגעגאנגען צום בעל-הבית און געזאָגט צו איהם: „שלום-עליכם מיין שווער!"

דער ארענדאר האט געפרעגט ביי זיין בני-בית, ווער איז דער מענש? האט איהם זיין טאָכטער דערצעהלט: מיר האבען דא נעכטין געהאט א מעשה מיט דעם מענש, די חברה האבען געמאכט שפאס פון איהם און האבען איהם גע'שדכנ'ט מיך פאר א כלה און מ'האט אין גילעכטער געשטעלט א חופה און ער האט מיך מקדש גיוועזן, נאכהער האבען זיי איהם געצייפט און געריסען, און יעצט וויל ער נאך ניט אבטרעטען פון דאנען.

דער ארענדאר האט זיך געווענדעט צום יונגען-מאן מיט א גיבייזער: „דו שוטה, טפש, וואס האסטו געטהוען? זיי האבען געמאכט שפאס פון דיר און דו ביזט געגאנגען און מקדש געוועזן א יונג ווייבעל, זי זאל יעצט ברויכען „גט" צו נעהמען פון דיר?!" — ביי די ווערטער האט ער אויסגעצויגען זיין האנד און איהם מכבד געוועזן מיט א גוטען פאטש. דער יונגער-מאן האט אפגעטרעטען עטליכע טריט און גאנץ וועניג נתפעל געווארען דערפון.

ענדליך האט ער זיך אנגערופען צום מחותן: „פאר דעם פאטש וועט אייער טאָכטער קיין גט ניט בעקומען פון מיר און אז איך וועל א וועקגעהן וועט איהר מיך אזוי גיך ניט געפינען.

דער ארענדאר האט זיך מיישב גיוועזן, וואס האט ער דא געטהוען, פארקעהרט ער דארף דאך איהם מקרב זיין ער זאל פועל'ן ביי איהם א גט, און ער האט מאקי מיט איהם באלד אנגעהויבען רעדען ווייכער, ער האט איהם אריינגעבעהטען אין שטוב, געגעבען איהם עססען און פארגעלעגט איהם צוגע-בען 25 רובל ער זאל געבען זיין טאָכטער „גט".

דער יונגער-מאן האט איהם געענטפערט פאלגענדעס: „איך וועל אייך דערצעהלען דעם גאנצען אמת, איך האב די זאך ניט געטהוען מיט מיין ווילען, נאר דער רבי האט מיך אזוי געהייסען, אז דעם ערשטען שידוך וואס מ'וועט מיר פארלעגען זאל איך טהוען, וואס האב איך געקענט וויסען אז זיי האבען געמאכט שפאס פון מיר, אבער איך האב געמיינט גאנץ ערנצט, אלזא לאמיר ביידע פאהרען צום רבי'ן און וואס ער וועט מיך הייסען אזוי וועל איך טהוען.

דער ארענדאר, דערהערענדיג פון הייליגען רבי'ן ר' בער זי"ע, האט איהם א ציטערניש אנגעהאפט, און ער האט געמוזט דעם זעלבען טאג פאהרען צוזאמען מיטן יונגען-מאן צום רבי'ן.

קומענדיג צום רבי'ן, האט דער ארענדאר דערצעהלט: אז, ער איז ניט געוועזן אין דערהיים, איז געקומען דער ארימאן און האט מקדש געווען זיין טאכ־טער, ווייל א חברה לצים האבען איהם איינגערעדט אז זי איז זייער שוועסטער און יעצט וויל ער איהם געבען 100 רובל ער זאל איהר געבען גט. דער רבי האט איהם געהייסען דערוויייל געהן אויף דער סטאנציע און ער וועט שוין דערפון רעדען מיט דעם יונגען מאן, און שפעטער זאל ער קומען וועט ער איהם שוין זאגען א תשובה.

נאך דעם ארענדארס אוועקגעהן האט דער רבי אריינגערופען דעם יונגען מאן און איהם געפרעגט צי ער וויל נעהמען 100 רובל ער זאל איהר געבען גט? דער יונגער מאן האט געענטפערט: „וואס פאר א חסרון האב איך דען געפינען אין איהר איך זאל זי גט'ן?" — דער שידוך געפעלט מיר גאנץ גוט און איך האב צו איהר קיין שום טענה ניט...

דאן האט דער רבי ווייטער געשיקט רופען דעם ארענדאר און איהם געזאגט פאלגענדעס: קיין 100 רובל וויל ער ניט נעהמען ער זאל זי גט'ן; נאר מיין עצה וואלט געווען, ווען די זאלסט מיך פאלגען: דו זאלסט איהם געבען גאנצע 1000 רובל און איך וועל דיר געבען א פאסיגליכען שידוך אז דער חתן זאל אויך האבען די זעלבע 1000 רובל, און וועט ביי דיר ניט פערלאנגען קיין איין קאפעקע, און אזוי ארום וועסטו קיין שום שארען ניט האבען.

דער ארענדאר איז בעשטאנען אויף דעם פארש אג און געענטפערט: אז אלעס וואס דער רבי וועט איהם הייסען וועט ער מקיים זיין

אויב אזוי — האט זיך דער רבי אנגערופען: איז דער שידוך פאר אייך ווי געוואונשען, ווייל דער יונגער־מאן איז א גאנץ ארנטליכער, איך קען איהם, ער איז פון א שעהנע פאמיליע און קען לערנען, נאר דער גאנצער חסרון איז געווען ווייל ער האט קיין געלד ניט געהאט, אבער יעצט אז איהר גיט איהם 1000 רובל דארפט איהר ניט קיין בעסערן שידוך, דען דער שידוך איז מן השמים, און זאלען זיי זיך עלטער'ן אין נחת. דער ארענדאר האט איינגעשטימט אויף דעם רבי'נס בעפעהל און ער איז מיט זיין איידעם א היים געפאהרען.

א היימקומענדיג, האט דער ארענדאר דערצעהלט זיין טאכטער אלעס וואס דער רבי האט געזאגט. די טאכטער האט זיך זעהר געפרייד און דערצעהלט איהר פאטער, אז מיט א נאכט דערפעהר, האט זיך איהר אויך געחלומ'ט דאס זעלבע: „אז דעם שידוך וועלכען מ'וועט איהר צום ערשטען פארלעגען, זאל זי נעה'ען, ניט קוקענדיג אויף קיין שום זאך"; נאר ווייל אויף קיין חלום קאן מען ניט שטעלען, האט זי זיך ניט געמאכט דערפון; נאר בעת די חברה לצים האבען איהר אנגעהויבען פארצולעגען דעם שידוך אין געלעכטער, האט זי פערשטאנען אז די זאך איז ניט פשוט, און בעזונדער האט זי שטארק רחמנות בעקומען אויף איהם און זי האט זיך געלאזט מקדש זיין, און זעהן וואס דער סוף וועט ווערען דערפון ראס פאר־פאלק האבען געלעבט גליקליך און געהאט קינדער למדנים.

ע נ ד ע